אַלעקסאַנדער צעדערבוים

משכיל, עסקן און שתדלן

עס טרעפט ניט איינמאָל, אַ מענטש ווערט אַ פּיאָנער און בשעתו ווייס ער גאָרניט וועגן דעם. אַזאַ פּיאָנער קען בשעת מעשה גאָרניט האָבן אין זינען די זאַך גופא, וואָס האָט פאַר אים געשאַפן אַזאַ בכבודיק היס־טאָריש אָרט. ער קומט צו זײַן פּיאָנערן־אַרבעט מחמת גאָר אַן אַנדער מחשבה, אַן אַנדער כוונה. אַזוי איז עס געווען מיט אַלעקסאַנדער צע־דערבוימס ווערן דער פּיאָנער אין אַ וויכטיקן צווײַג יידישער ליטעראַ־טור, — אין קריטיק.

צעדערבוים איז געווען אַ פּיאָנער אין מער ווי איין געביט. ביז הײַנטיקן טאָג האָט מען נאָך ניט אָפּגעשאַצט, ווי געהעריק ניט אים אַליין און ניט זײַן ממש הייליקע אַרבעט פאַרן כלל. און ניט אָפּגע־שאַצט האָט מען אָט־דעם אינטערעסאַנטן און אפשר וויכטיקסטן פּראַק־טיקער אין דער צווייטער העלפט פון לעצטן יאָרהונדערט מחמת דעם, וואָס אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען פּרימיטיוו. ווייניק צוגעגרייט, מיט קנאַפּער בילדונג האָט ער אין דער פּראַקטיק דורכגעפירט ענערגיש די חלומות און דעות פון דער השכלה. ער האָט משכילישע טעאָריעס דערפירט צום סאַמע פּראַקטישן לאַגישן שלום.

די פאָלקס־מאַסן האָט זיכער ווייניק־וואָס געאַרט צי צעדערבוים באַהערשט גרינטלעך די דרײַ שפּראַכן — ה ע ב ר ע י ש, רוסיש און יידיש. ער האָט דאָך געפירט דעם העברעישן „המליץ”, דעם רוסישן „וועסטניק רוסקיך יעווריעוו” אָדער דעם „ראַזסוועט”, דעם יידישן „קול מבשר” און שפּעטער „יודישעס פאָלקסבלאַט”. אָט־די צײַטונגען האָט ער אַליין געשאַפן און רעדאַקטירט. ס'איז אָבער גרינג זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי עס האָבן געקוקט אויף דעם די בני־דור משכילים. דער יידיש זײַנער האָט זיי, מן הסתם, ווייניק־וואָס געאַרט. אויף זײַן העברעיש

האָבן זיי זיכער מער מקפיד געווען. אָבער זײַן צעקאַליעטשעטן רוסיש — דאָס האָבן זיי אים ניט געקענט מוחל זײַן. זיכער האָט זיי אויסגעזען קאָמיש, ווי צעדערבוים שטעלט זיך מיט בקשות פאַר דער העכסטער „נאַטשאַלסטווע", פאַר די וויכטיקסטע רוסישע שרים, און טענהט זיך אויס מיט זיי אויף אַ צעבראָכענעם רוסיש מיט אַ „מאוימדיק־לעבערלעכן" אַקצענט.

אינטערעסאַנט איז דער אײַנדרוק, וואָס צעדערבוים האָט געמאַכט אויף דובנאָוון, בעת „אין אַ הייסן זומער־טאָג פון יאָר 1881" איז דובנאָוו אים געקומען באַזוכן אויף ליטעיני פּראָספּעקט, אין פּעטערבורג:

„אַן אַלטער, אַביסל אַ הויקערדיקער ייִדל האָט מיך באַגעגנט: דאָס איז געווען יענער „צעדער", אר"ז (זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים), וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אין מײַנע קינדער־פאַנטאַזיעס, ווען איך האָב געלייענט דעם „המליץ" עפּעס ווי אַ שמשון הגיבור פון אונדזער ליטעראַטור. אויף שלעכטן רוסיש (ייִדיש ריידן צווישן משכילים איז דאַן געווען „שאָקינג"), האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון זײַן ערשטער ייִדישער צײַטונג „קול מבשר"... ער האָט זיך באַרימט, אַז נאָר ער האָט געקאָנט קריגן ביי דער רעגירונג אַ דערלויבעניש אויף אַ זשאַרגאָנישער צײַטונג, ווײַל ער איז אַ שטיקל „קרוב למלכות", ער איז נאָענט צו גרויסע תקיפים אין די מיניסטעריומס. אין פּעטערבורג האָט מען געוווּסט, אַז צעדערבוים איז טאַקע אַ מאַכער אין די זאַכן, ווײַל ער קאָן אַרײַנגיין צו די „גרויסע שררות" אויך פון דער הינטערטיר" (שמעון דובנאָוו: „פון זשאַרגאָן צו ייִדיש", ז"ז 10-11).

אין די אויגן פון זײַנע בני־דור האָט ער אויסגעזען זייער מאָדנע. ער איז דאָך געווען אַ ניט־געבעטענער שתדלן אין די הינטערטירן בײַ די הויכע פּענצטער און קאַנצעלאַריעס פון פאַרשיידענע מיניסטעריומס.

אויך זײַן קעמפערישע נאַטור האָט ניט געקענט שאַפן אַרום זיך אַ גינסטיקע אַטמאָספער. דעריבער איז שווער געווען צו דערזען דעם טיפערן ווערט אין אָט־דעם אומדערמידלעכן עסקן בצרכי ציבור.

וואָס שייך פּראַקטישע אויפטוען איז שווער צו געפינען זײַנס גלײַכן. ער שאַפט דעם „המליץ", דעם „קול מבשר", דעם „ראַזסווע",

„דאָס יודישעס פאָלקסבלאַט". ער רעדאַקטירט די דערמאָנטע בלעטער שרייבט פאַר זיי. כל ימיו האָט ער צו־טאָן מיט מלכות, מיט די צענזאָרן, אַחוץ זיינע פאַרשיידענע הכבדות, ווי אַ שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, פאַרנעמט ער זיך אויך מיט כלל־אַרבעט. ווו נאָר אַ פילאַנטראָפּישע בילדונג־אַנשטאַלט, דאָרטן שפּרייט צעדערבוים אויס זיין השגחה, דאָרטן גיט ער אַוועק זיינע כוחות. דער שתדלן צעדערבוים איז שטענדיק טרוד, פליט אויף דראָשקעס פון איין מיניסטעריום צום צווייטן, איז תמיד פאַרהאַוועט, פאַרשמאַיעט, באַלאָדן מיט טויזנטער זאָרגן פון כלערליי קהילות און יחידים, וואָס נייטיקן זיך אין הילף, אין השתדלות. זיין ענערגיע איז ממש אַ פענאָמענאַלע. אָבער ניט דערפאַר איז ער וויכטיק.

זיין איבערמענטשלעכע ענערגיע איז אויף אַ מאָדנעם אופן געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט. דערצו נאָך — מיט אַ זעלטענעם חוש צו דערשנאַפּן וואָס איז וויכטיק, נייטיק און וואָס איז מעגלעך צו דערגרייכן יעדער מאָמענט.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס ער האָט אָנהייב 60־ער יאָרן אויסגעכלאַפּאָטשעט ביי נאַטשאַלסטווע דאָס רעכט אַרויסצוגעבן, און האָט טאַקע אַרויסגעגעבן אַ בלאַט אויף יודיש. ער האָט דערפילט, די צייט איז רייף דערפאַר. קעגן זייער אייגענעם ווילן, וועלן די משכילים זיך מוזן באַנוצן מיט יודיש ווי מיט אַ געווער קעגן חסידיזם. אין תחום־המושב האָט זיך צווישן יודן דערוועקט אַ חשק צו וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער, פרעמדער וועלט. די דייטשישע אַרטיקלען מיט יודישע אותיות אין „המליץ" זיינען אַ ברכה לבטלה. דאָס האָט ער שנעל איינגעזען. איז ער פון זיי פּטור געוואָרן. און אין 42־טן נומער „המליץ" איז געווען בייגעלייגט אַ הודעה, געשריבן אויף יודיש, וועגן דעם יודישן בלאַט „קול מבשר", וואָס איז שפּעטער אַרויס דעם 11־טן (23) אָקטאָבער 1862, ווי אַ ביילאַגע צו דער עלטערער העברעישער שוועסטער.

ער האָט שטענדיק דערפילט וואָס איז ראוי־לזמן און וואָס איז נייטיק צו טאָן אין דער באַשטימטער רגע.

אָבער די אַלע גרויסע מעלות אַליין וואָלטן ניט געווען גענוג. וואָס דאָס באַוויגן דעם דאָזיקן „האַרעפּאַשנעם" שריפטשטעלער און עסקן

זיך טומלען און רעשן אין אייביקער כלל־טוערײַ און אין אייביקע פּוב־
ליציסטישע קאַמפן? ער האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט שרײַבער
און עסקנים, נבאים און גבירים, רבנים, רביים. אים האָט דערצו
געשטויסן גאָר אַן אַנדער זאַך: „דעם כלל ישראל לטובה צו ווירקן„
און „ערפילן אונדזער פליכט געטרײַ".

ער איז שטענדיק געווען גרייט פאַר הכנעה. ער האָט געוווסט, אים
וועט אויסקומען אַריבערצוטראָגן קאַלטס און וואַרעמס, פאַרשוואַרצט
ווערן, זיך מוסר נפש זײַן יעדער רגע, — אַבי „דעם כלל ישראל לטובה
צו ווירקן". זייער רירנדיק איז דער פאַל מיטן הספד בײַ קראַיעווסקיס
לוויה. ש. ל. ציטראָן גיט עס איבער אין זײַנע דרײַ ליטעראַרי־
שע דורות (ז"ז.98-99):

„צעדערבוים האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער רעדט אַ פאַרדאָר־
בענעם רוסיש, און פונדעסטוועגן פלעגט דאָס אים ניט שטערן צו דר־
שהנען און צו האַלטן רעדעס אין דער קעגנוואַרט פון די גרעסטע רו־
סישע שריפטשטעלער, אויב ער האָט נאָר געגלויבט, אַז ס'קען דערפון
אַרויסקומען יידן אַ וועלכער ס'איז נוצן. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט, דאָס
עס איז געשטאָרבן קראַיעווסקי, דער רעדאַקטאָר פונעם גרעסטן רוסישן
טאָגבלאַט „גאָלאָס", וועלכער איז אין זײַנע לעצטע יאָרן געווען אַ מליץ־
יושר פאַר יידן. אויפן בית־עלמין האָבן קראַיעווסקין מספּיד געווען די
באַרימטסטע רוסישע ליטעראַטן. מיט אַמאָל האָט זיך אונטערגערוקט
צעדערבוים אויך מיט אַ הספד. אַז איינער פון זײַנע נאָענטסטע באַקאַנ־
טע האָט אים אין אַ צײַט אַרום אַ פרעג געטאָן, ווי שטעלט ער זיך דאָס
אונטער מספּיד צו זײַן קראַיעווסקין, בעת ס'זײַנען דאָ אין פּעטערבורג
אַנדערע יידן, וועלכע זיינען פיל גרעסערע רעדנער פון אים? — האָט
אים צעדערבוים אויף דעם געענטפערט: מיר איז גאָר קיינמאָל ניט
אײַנגעפאַלן צו זאָגן אַ הספד אויף קראַיעווסקין; אָבער גייענדיק צו דער־
לוויה, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער צענזאָר זוסמאַן און האָט מיך גע־
פרעגט, צי וועט מען מצד די יידן אויסנוצן די געלעגנהייט אויסצודריקן
דעם פאַרשטאָרבענעם זייער סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקייט? האָב איך
אים דערויף געענטפערט, אַז עס איז בײַ מיר קיין ספק ניט, דאָס ס'וועט
ריידן פּראָפעסאָר באַקשט, וועלכער איז דורך מײַן רעקאָמענדאַציע אויפ־

גענומען געוואָרן אַלס הויפּט־מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „גאָ־לאָס". באַקשט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון ריידן, און דאָך איז צו מיר זוסמאַן צוגעשטאַנען „אַז איך מוז מספּיד זיין קראַיעווסקין אין נאָמען פון רוסישן יידנטום, און איך האָב מיך ניט געקענט אַרויסדרייען און האָב געדרשנט ניט אַנהייבנדיק זיך צוצוגרייטן צו דעם".

שתדלנות, אַלט־פרענקישע שתדלנות, דערצו נאָך מיט אַ צעקאַליעטשעטע לשון־המדינה, איז ניט קיין זיסער ביסן. און צעדערבוימס שתדלנות־קולט, זיין הכנעה, זיין „העכסטע אונטערטעניקייט" דער „האָהער רעגירונג" האָט געהאַט אַ סיבה. ער האָט מערער ווי אַנדערע געזען, און שאַרפער דערפילט, דעם פּראַקטישן ווערט פון שתדלנות. ער האָט גוט באַגריפן: די כלל־ישראל־נויטן קען מען לינדערן דורך דער חיי־שעה. ער האָט איינגעזען, אַז דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר אין דעם פאָלקס־לעבן.

כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן האָט ער זיך געניימיטיקט אין אָפּענע טירן. און צעדערבוימס הייסער פּאַטריאָטיזם, זיין גוואַלדיקע לאָיאַלקייט, זיין „טרײַ זיין דעם קיסר" האָבן פאַר אים געעפנט אַלע טירע ביים מלכות. און צעדערבוימס שתדלנות איז געוואָרן אַ שם־דבר.

צעדערבוים איז געווען ניט נאָר אַ פּאַטריאָט, נאָר אַ רוסיפיקאַטאָר. דאָס האָט זיך געוואָרצלט פון איין מקור: „דעם כלל ישראל לטובה צו ווירקן" און „ערפילן אונדזער פליכט געטריי". פון דעם זעלביקן מקור האָט אויך געשטאַמט די פּראָגראַם פון צעדערבוימס „קול מבשר". די דאָזיקע פּראָגראַם, לייענען מיר ביי ציניבערגן („יידישע וועלט", ווילנע 1913) איז „געווען געבויט אויף צוויי הויפּט־יסודות. וואָס פאַר זיי האָבן די משכילים פון די זעכציקער יאָרן ממש מרעיש עולם געווען: ראשית — רעפאָרמירן די קינדער־דערציִונג און געבן איר אַ מער אייראָפּעיִשן שניט, והשנית — למען השם רוסיש לערנען..." געווען איז עס אין דער אמתן — האָפן אויף רעפאָרמען אין ברייטן זינען פון וואָרט. און פון דער צווייטער זייט — יידן זאָלן זיין ווערט די ישועות ונחמות מיט וואָס מלכות וועט זיי דערמיט מזכה זיין, דאַרפן זיי זיין ווערט „דערהייכט צו ווערן". און דורך בילדונג וועלן זיי דאָס דערגרייכן. דאָס איז געווען דער פעסטער בטחון סײַ פון די משכילים, סײַ

פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן. צעדערבוים האָט עס, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, איבערגעזעצט אין מעשים. פאַר אים איז דער וועג געווען אַ קלאָרער: שתדלנות און בילדונג. איין זאַך האָט געהאָלפן דער אַנדערער. אין שתדלנות האָט ער באַדאַרפט קענען „וויַיזן, אַז מיר ווילן זיַין נוצלעכע און טריַיע רוסישע אונטערטאַנען". און מיטן פאָלק האָט ער געלערנט, אַז „נאָר דורך רוסיש קענען מיר געווינען די רעגירונג, דאָס רוסישע פאָלק, זיי זאָלן אונדז באַטראַכטן פאַר וואָרע לאַנדעס קינדער פון דער יידישער רעליגיע, וואָס נאָר דאַדורך קאָן אונדזער מזל דערהייכט ווערן". „קול מבשר", 1866, ז. 607 *).

ער האָט אָפט אויפגעוויזן די יידישע מאַסן זייער שפּלדיקן מצב מחמת זיי קענען ניט דאָס לשון המדינה. דערביַי לערנט ער זיי אויך שיינע זיטן, ווי צו שעצן די אייגענע מחברים.

עס איז כדאַי צו ברענגען בשלימות זיַין רעצענזיע איבער י. מ. ליפשיצעס ווערטערבוך. דאָרטן רעדט ער וועגן דעם באריכות (דאָרט, 1870, נום. 11):

„ניט לאַנג איז אַרויסגעגאַנגען פון דרוק א. ש. שאדאוו אין זשיטאָמיר זייער אַ וויכטיק ווערק פאַר יידן אין רוסלאַנד, נעמלעך אַ רוסיש־יידיש ווערטערבוך פון י. מ. ליפשיץ אויס בערדיטשעוו.

„עס איז גאַנץ איבערפליסיק, דאַכט זיך, אַזאַ ווערק צו לויבן, יעדער ווייס ווי נייטיק דאָס איז פאַר יעדן יידן אַלט און יונג, זכרים און נקבות, גרויסע לייַט און פּראָסטער עולם, וועלט־מענטשן און אַפילו בית־המדרשניקעס. ווער דאַרף היַינטיקע ציַיטן נישט פאַרשטיין רוסיש, ווער איז נאָך היַינטיקע ציַיטן אַזוי בלינד און פאַרנאַרט נישט צו פילן, אַז אָן דער לאַנדעסשפּראַכע קענען מיר זיך גאָר נישט רירן, מע זעט אויס ווי חוזק פאַר מענטשן, מע האָט אַ פּנים ווי אַ רוח ביַי נאַטשאַלסטוואָ און מע לייַדט טאַקע פשוט אויף יעדן טריט ווו מע קערט זיך און ווו מע ווענדט זיך. עפּעס גוט אַז אַ רוס פרעגט עפּעס אַ יידן און ער טעלעפּעט אויס די צונג און ווייסט אים ניט צו ענטפערן וויַיל ער פאַרשטייט ניט זיַין שאלה, אָדער ער ענטפערט אים גאָר קוידערוועלש?

*) דער אויסלייג אין אַלע ציטאַטן איז מאָדערניזירט.

וויפל היזיקות קומען דערפון אין געשעפטס־לעבן, אין דער וויקטשאפט; אין געמיינדע־אנגעלעגנהייטן, אין שטאטישע זאכן וואס מע מוז זיך צונויפקומען מיט קריסטן. מאכט מען א פריגאוואר, שרייבט אן דער שרייבער וואס ער וויל, דער עולם כאפט אײן ווארט איבער דעם צענטן; פיל שעמען זיך גאר אויסזאגן אז זיי האבן נים פארשטאנען וואס מע האט זיי פארגעלייענט, אנדערע פרעגן, רעדט מען זיי אײן איין גאט ווייסט וואס. לאזט זיך אוים מע האט אונטערגעשריבן א זאך קעגן דער אבטשעסטווא. דאס שטאמט נאר דערפון וואס יידן קענען נים די לאנד דעסשפראכע, און מאכנע וואס פלאפלען שוין אביסל רוסיש, האבן זיי נאר אזויפיל ווערטער וועלכע ווערן געברויכט אין זייער געשעפט, אין זייער צירקל און דאס נים ריכטיק, קוים קומט ער אין אן אנדער געזעלשאפט אדער עס קומט צו רייד פון אנדערע געגנשטאנדן; ווער שמוזעסט מע לייענט עפעס געשריבענעס אדער געדרוקטס, איז קיינער נים דא אין דער היים. — נאר עלטערע מענטשן קענען שוין נים אין זייערע יארן גיין אין שולע און זיך אנידערזעצן לערנען כסדר רוסיש, עס איז נים פאר זייער קאפ, פאר זייער צייט. דעריבער איז אויך ביז אהער שווער געווען דערוואקסענע מענטשן זיי זאלן כאטש עפעס פראקטיש לערנען.

„דאס האט ה' ליפשיץ איינגעזען און אזוי ווי ער קען גאנץ גוט דעם גייסט פון אונדזערע יידן און פארשטייט די שווערסטע וויסנשאפט־לעכע פראגן צו ערקלערן גאנץ איינפאך און פראסט, ווי יעדער האט זיך איבערצייגט פון זיינע אויסגעצייכטע ארטיקלען אין „קול מבשר", האט ער דעריבער באטראכט ווי אזוי צו געפינען א מיטל ניצלעך צו זיין דערוואקסענע מענטשן זיך אויסצולערנען צו פארשטיין רוסיש און האט אויף זיך גענומען די שווערע ארבעט צו מאכן א „רוסיש־יידיש ווערטערבוך" ווו יעדער מענטש וואס קען נאר לייענען רוסיש וועט קענען אפזוכן איטלעכס רוסישע ווארט נאך דער רוסישער „אז־בוקא" כסדר מיט דער איבערזעצונג אויף פראסט יידיש און דערביי אלע טייטשן פון דעם רוסישן ווארט ווי עס ווערט געברויכט אין דער שפראך אזוי אז איצט דארף זיך נאר א ייד אדער א יידענע אויסלערנען רוסיש, וואס איז זייער גרינג אפילו פאר אלטע לייט און קוים מען לייענט זוכט

מען שוין אָפּ יעדעס וואָרט אין ווערטערבוך און מע פֿאַרשטייט וואָס עס שטייט אין ביכל אָדער אין אַ בריוול, אין אַ קאָנטראַקט, זאַפּיסקע, אין איין אַקט אָדער אַ פּריגאָוואָר וכדומה, כדי מע זאָל ניט פֿאַרפֿירט ווערן מאַנכע מאָל אין אַ צרה אַרײַן און דערנאָך לײַדן, ווי עס מאַכט זיך אָפֿט.

„דאָס ווערטערבוך, וואָס ה׳ ליפֿשיץ איז דער ערשטער בײַ ייִדן אין דער שפּראַך, וועט געוויס פֿון אַלע קלאַסן גוט אויפֿגענומען ווערן, דאָס איז ניט אַזאַ ספֿר וואָס זאָל קענען האָבן קעגנער; דאָס איז ניט אַזאַ בוך וואָס זאָל האַלטן פֿאַר חסידים אָדער מחולק זײַן מיט זיי; עס קער זיך גאָרניט אָן מיט די פֿאַרשיידענע מיינונגען פֿון אונדזערע ברידער; דאָס איז פֿאַר אַלע גוט און ניצלעך, ניט נאָר פֿאַר די וואָס קענען גאָר־ניט קיין אַנדער לשון אויסער ייִדיש, נאָר אַפֿילו געבילדעטע קענען זיך אויך אָפֿט דערמיט באַדינען אַז מע דאַרף עפּעס נאָכשלאָגן. ייִדיש איז דאָך די מוטער־שפּראַך כמעט פֿון אַלע אונדזערע רוסישע ייִדן, און אַ שווער וואָרט וואָס מע ערקלערט זיי אין דעם לשון קריכט יעדן בעסער אין קאָפּ אַרײַן און מע באַגרײַפֿט און פֿאַרשטייט עס בעסער. מיט איין וואָרט, דאָס ווערטערבוך פֿאַרדינט פֿון אַלע אונדזערע ייִדן די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט.

„מיר צווייפֿלען דעריבער ניט אַז אונדזערע ברידער וועלן וויסן צו שאַצן די מי פֿון ה׳ ליפֿשיץ און יעדער וועט קויפֿן דאָס ניצלעכע ווערק זיך לטובה און אויך צו באַלוינען דעם מחבר פֿאַר זײַן גרויסער מי, כדי עס זאָל זיך אים גלוסטן ווײַטער צו אַרבעטן און מאַכן אַ ווערטערבוך צוריק, דאָס הייסט ייִדיש־רוסיש, ווו יעדער וועט קענען געפֿינען די איבערזעצונג, פֿון יעדעס ייִדישע וואָרט אויף רוסיש.

„הלוואי ה׳ ליפֿשיץ זאָל האָבן אַ צענטל פֿאַרדינסט וואָס באַקומט אַ מחבר פֿון אַ ווערטערבוך אין אַנדערע שפּראַכן, כאָטש פֿון יענע זײַנען דאָ פֿיל און פֿון לאַנגע צײַטן, דאָך קומען אַלע יאָר כמעט נײַע אַרויס און אַלע מאַכן גלענצנדע געשעפֿטן. עס וואָלט שוין אַ יושר געווען ייִדן זאָל אויך ווײַזן אַז זיי וויסן צו שעצן די טירחה פֿון זייערע מחברים. מיט איינעם האָט ה׳ ליפֿשיץ מער האָפֿענונג וואָס זײַן ספֿר איז ניט קיין מעשׂיות אָדער אַ צײַטונג וואָס איינער קויפֿט און הונדערט זיינען יוצא מיט לייענען און איבערלייענען, אַ ווערטערבוך לײַט מען

ניט און לייענט נישט איבער. דאָס דאַרף יעדער האָבן ביי דער האַנט ווען ער האָט נייטיק נאָכצושלאָגן.

„די אָנצייגע איבער דעם ווערטערבוך געפינט יעדער אונטער די מודעות אין „קול מבשר".

ווי אַלע משכילים, האָט צעדערבוים געגלויבט אין דעם כוח פון בילדונג. דאָס וועט אַלץ מתקן זיין. בילדונג האָט פריער פון אַלץ גע־מיינט קענען די רוסישע שפּראַך גופא. פאַר צעדערבוימען האָט אָבער עקזיסטירט נאָך אַ פּראָבלעם, אַ גאָר אומבאַקוועמע פּראָבלעם: יידיש.

באַציונג צו יידיש

עס זיינען געווען עקסטרעמע משכילים, וואָס האָבן געהאַלטן פון אסימילאַציע. זיי האָבן געקעמפט קעגן „דער שפּראַך פון די דינסטן". פאַר זיי איז די פּראָבלעם יידיש, זשאַרגאָן, לכתחילה ניט געווען קיין פּראָבלעם. ווידער, דער טיפּ משכיל פון מענדעלעס שניט האָט די פּראָבלעם געלייזט אויף אַ פּאָזיטיוון אופן. זיין וועג איז געווען — פון „העברעיש צו יידיש". און אַ יידישיסט פון י. מ. ליפשיצעס שניט איז גאָר דעמאָלט געווען אַ יחיד במינו.

ס'איז אָבער אויך געווען אין גאַנצן אַן אַנדער טיפּ משכיל. פון איין זייט האָט ער געפּריידיקט שפּראַכלעכע אַסימילאַציע. באמת האָט ער פיינט געהאַט יידיש. פון דער צווייטער זייט האָט ער איינגעזען ווי וויכטיק עס איז דער זשאַרגאָן. ביי אים איז דאָס געווען אַ צייטווייליקער מיטל — פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן פאָלק. און צו דעם דאָזיקן טיפּ משכיל האָט געהערט צעדערבוים. אַז מען מוז בילדן דאָס פאָלק אין רו־סיש, ווייל דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. אָבער דער אויס־ערגעוויינלעך פּראַקטישער צעדערבוים האָט דערביי באַגריפן אַ וויכ־טיקן פּרט: ס'איז דאָ אַן עלעמענט, באַזונדערס דער עלטערער, וואָס קען זיך שוין ניט בילדן אין רוסיש, ער מוז אָנקומען צו יידיש. און ערגעץ־ווו האָט געטליעט אין צעדערבוימען אַ געדאַנק: ס'איז ניטאָ קיין חילוק אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מע פאַרשפּרייט בילדונג, כל זמן מע פאַרשפּרייט זי.

אין זײַן הערה צו י. מ. ליפשיצעס ארטיקל „די 4 קלאַסן" („קול מבשר", 1862, נומ. 24) שרײַבט צעדערבוים:

„נאָ מעג שוין איצט לאַכן ווער עס וויל, מיר ווייסן בײַ זיך, אַז מיר זיינען אויף א זיכערן וועג צו אונדזער ציל, אונדזערע ברידער אויף פשוט יידיש באַקאַנט צו מאַכן מיט דער וועלט און וואָס עס טוט זיך אויף איר, זיי לערנען אורטיילן ריכטיק איבער זייערע פליכטן קעגן זייער רעליגיע, קעגן דעם קייסער און דער רעגירונג, קעגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל און קעגן זייער נאַציע באַזונדער, אויך קעגן יעדן מענטש ווי גאָטס באַשעפעניש. דוכט זיך, אַז דאָס הייסט די אמתע בילדונג און עס איז גאָר לתכלית קיין חילוק ניט אויף וועלכע שפּראַכן דאָס איז געזאָגט געוואָרן, אַבי מען פאַרשטייט אונדז, און ווער שמועסט פאַר די וואָס קענען קיין אַנדערע און עס איז זיי אוממעגלעך בײַ זייערע יאָרן איין אַנדערע צו לערנען".

וועגן דעם זעלביקן ענין שרײַבט ער אין זײַן רעצענזיע וועגן מענ־דעלעס איבערזעצונג „דער לופט באַלאָן" (מענדעלע האָט ניט אָנגע־געבן זײַן נאָמען אויף דער איבערזעצונג). צעדערבוים טענהט זיך דאָרטן אויס מיט די, וואָס ווילן „דעם שעדלעכן זשאַרגאָן" תיכף פאַרבײַטן מיט רוסיש. ער איז מסכים, אַז „די וואָס האָבן נאָך צײַט און פעיקייט אַ שפּראַכע כאָטש פּראַקטיש צו ערלערנען, זיי זאָלן קודם כל קענען די לאַנדעסשפּראַכע ריידן און לייענען, פון דער ערשטער קוועלע צו געניסן; אַנדערע עלטערע און ווייניקער פעיקע וועלן ווייניקסטנס וויסן ווי נייטיק דאָס איז פאַר זייערע קינדער". אין דעם איז צווישן צעדער־בוימען און די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן ניטאָ קיין חילוקי דעות. ער גייט זיך אָבער פאַנאַנדער מיט זיי וועגן דעם וואָס איז פּראַקטישער. ער גלויבט ניט, ווי נאָר מ'וועט פטור ווערן פון „שעדלעכן זשאַרגאָן" וועט מען זיך גלײַך „כאַפּן צו רוסיש". די וואָס נוצן „זשאַרגאָן" זעען אויס אין זײַנע אויגן ווי פּיצעלעך קינדער. זיי וואָס זיינען גאָר ניט מסוגל משיג צו זײַן וואָסער־עס ־איז בילדונג ד. ה. „זיך כאַפּן צו רו־סיש". דעריבער מוז מען זיך האַלטן מיטן זשאַרגאָן און אים אויסנוצן. דורך זשאַרגאָן גופא דאַרף מען באַפרייען אונדזער עולם פון שעדלעכע

השפּעות. מען דאַרף אַנטוויקלען אין זיי „געשמאַק", מיט דער הילף פון „געדאַנקען" און „וועלטלעכע פּראַקטישע אידייען".

צעדערבוים שרײַבט:

„די וואָס מיינען, אַז דער זשאַרגאָן איז שעדלעך און אַז מען וועט אים נאָר פאַרבײַטן, וועלן זיך ייִדן כאַפּן צו רוסיש, די זיינען שטאַרק אין טעות. זיי זיינען ווי איינער זאָל וועלן אַ קימפּעט־קינד, וואָס האָט נאָך געוויס קיין צאָן אין מויל, געוויינען עסן ביפשטעקס. ניין, גיט זיי פריער פּראָסט ייִדיש, נאָר אַ ריינע שפּראַכע, ניט קיין תחינה לשון, ניט איבערזעצונגען פון תהילים, וואָס האָט אַ טעם פון אַ קו קײַט אַ ליילעך, ניט אָפּגעשמאַקטע חסידישע נאַרישקייטן. לאָזן די ביכלעך זײַן אָנציענד, און מיט געדאַנקען, מיט נײַע וועלטלעכע פּראַקטישע אי־דייען, דעמאָלט וועלן זיי קריגן געשמאַק, די אַלע אַלטע מורא מאַכנדיקע ספרים מיט די נײַע פּליטיש (פּלוטיש) חסידישע וועלן זיי נמאס ווערן".

נאָך בולטער האָט ער אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג מכּוח ייִדיש אין זײַן ווענדונג „צו די אַבאָנענטן און לעזער" (דאָרט, 1869, נומ. 3). ער דערציילט דאָרט ווי אַזוי אים האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּשרייען דעם איבערצעניזאָרס גזירה אָפּצושטעלן דעם „קול מבשר". מ'האָט אים באַ־שולדיקט — ער פאַרהאַלט דעם פּראָצעס רוסיפיצירן ייִדן. ער דער־האַלט נאָך דעם „זשאַרגאָן", און פאַרוואַנדלט אים אין אַ ליטעראַטור־שפּראַך.

„פיל מי — שרײַבט ער דאָרט — האָט אונדז געקאָסט די העכסטע באַאמטע און געלערנטע צו איבערצײַגן, אַז אין פּרינציפּ זיינען מיר מיט זיי אייניק, ווי דרינגענד נייטיק עס איז פאַר דעם לאַנד און פאַר ייִדן אַליין, זיי זאָלן זיך געוויינען צו ריידן די לאַנדעס־שפּראַכע. נאָר מיר גייען זיך אויסאַנאַנדער אין די מיטל, וואָס מען דאַרף געברויכן דיזעס געווינטשטע ציל צו ערגרייכן. נאָך איינזיכט פון טייל לײַכטזיניקע אונטער אונדז, וואָס נעמען אַ מאָס פון זיך, ווי שנעל זיי האָבן זיך אָנגעאייגנט די רוסישע שפּראַכע ווי אַ מוטער־שפּראַכע, קען מען אַ גאַנצע נאַציע אויך אין אַ קורצער צײַט אויסלערנען אַ נײַע שפּראַכע, מען דאַרף נאָר אַביסל שטרענגע מאַסנרעגלען געברויכן און דעם זשאַר־גאָן אונטערדריקן, ווען מען וועט ניט לאָזן קיינע צײַטונגען אין אים

ערשיינען. די מיינונג איז אַלגעמיין בײַ דער רוסישער וועלט אָנגענומען
געוואָרן. מיר זיינען דאַקעגן איבערצײַגט, אַז עס גיבט קיין אַנדער־
מיטל נאָר דער זשאַרגאָן אַליין, וואָס קען זיך אַליין פּאַרמיאוסן און באַ־
ווײַזן ייִדן וויפֿל ער שאַדעט זיי אויף יעדן שריט. ער לעבט אַ סך הונ־
דערטער יאָר אין פֿאָלק, האָט זײַן שטאַרקע אַלטע ווי נײַע ליטעראַטור
אין אַלע צווײַגן, און 50 בויגן „קול מבשר" קענען זיי ניט באַרײַכערן
און אויסגעפינען, דאַקעגן דורך בעסערע אידייען און ריינערן געשמאַק,
וואָס ער ברענגט אַרײַן אין פֿאָלק, וועלן זיי ממילא אַן אומחן וואַרפֿן
אויף די פֿאַראַלטעטע פֿאַראורטיילן און פֿאַלשע באַגריפֿן פֿון רעליגיע און
וועלט, און דאָס וועט זיי פֿירן אַליין ווי ווײַט מעגלעך רוסיש צו פֿאַר־
שטיין און זייערע קינדער איינע רעגלמעסיקע ערציונג צו געבן אין
דער לאַנדעסשפּראַכע".

אין די נאָרוואָס געבראַכטע ציטאַטן ווערט אַרויסגעזאָגט צעדער־
בוימס ריין־פּראַקטישער צוגאַנג צו ייִדיש. אַט דער ניכטערער חשבון
איז, אגב, געווען דער חשבון בײַ כמעט דער גאַנצער אינטעליגענץ אין
יענער צײַט.

מיט זײַן שאַרפֿן פּראַקטישן חוש האָט צעדערבוים אײַנגעזען, ווי־
ריכטיק, עס איז זײַן ניכטערער, אוטיליטאַרישער צוגאַנג. ער האָט זיי־
ער גוט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס מענדעלעס ערשט ווערק אין ייִדיש „דאָס
קליינע מענטשעלע" האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. ער האָט אויך
גענוי געכאַפּט פֿאַרוואָס יצחק יואל לינעצקי איז צוליב דעם „פּוילישן
ייִנגל" געוואָרן מפורסם. ער האָט גענוי פֿאַרשטאַנען ווי קרעפּטיק „דער
שעדלעכער זשאַרגאָן" איז. האָט דאָך איינער אַ קאָרעספּאָנדענט עז־
ריאל הוזירער געשריבן אין „קול מבשר" (נומ. 29, 1866), וועגן דער
גוואַלדיקער ווירקונג פֿונעם „קוידערוועלש", פֿונעם „זשאַרגאָן". און
צעדערבוים האָט געוווסט, דאָס איז חל ניט נאָר אויף איין אָרט, נאָר
אויף אַלע מקומות אין רוסלאַנד, וווּ נאָר דער „קול מבשר" דערגרייכט.

„די גרעסטע עזות־פּנימער" — שרײַבט דער דערמאָנטער קאָרעס־
פּאָנדענט — „ציטערן אימת מות, אַז מען סטראַשעט זיי, מען וועט זיי
באַשרײַבן אין „המליץ", אָדער נאָך ערגער, אין „קול מבשר"... דווקא
דאָס קוידערוועלש, דער זשאַרגאָן, וואָס אונדזערע פּראָגרעסיסטן חלשן,

אַז זיי הערן מען רעדט דערפון, דווקא די קאַליקע טוט וווּנדער, און די געשיכטע וועט ערשט שפּעטער וויסן ווי צו שעצן זײַן ווערט און זײַן ווירקונג".

נאָך זיבן יאָר „קול מבשר" האָט צעדערבוים שוין באַטראַכט דעם „זשאַרגאָן" ווי „אַ שליח מיוחד פון דער בילדונג". אַזוי דריקט ער זיך אויס אין דער דערינערונג וועגן זײַן יוגנט־פרײַנט דר. שלמה עטינגער („קול מבשר", 1869, נומ. 23).

אחוץ דעם ריין־פּראַקטישן חשבון, איז בײַ צעדערבוימען געווען אויך אַן עמאָציאָנעלער צוגאַנג צום „זשאַרגאָן". אַזוי איז עס געווען בײַ אַ סך משכּילים. דער דאָזיקער צוגאַנג איז באמת אַ צווייענדיקער, אַ זיך סותרדיקער, גלײַך צוויי קעגנזײַצלעכע געפילן וואָלטן „זיך געריסן אין זײַן ברוסט". איין געפיל איז געווען פאַראַכטונג און אַפילו שנאה צו דעם „גאַלאַמאַגע לשון". דאָס זעט מען אין זײַן ווענדונג „צו אונדזערע געערטע לעזער און לעזערינען". (דאָרט, נומ. 48). און שרײַבן שרײַבט ער וועגן דעם נאָכדעם ווי ער האָט שוין ניט איינמאָל פּריער מיט באַוווּנדערונג דערמאָנט יִידישע מחברים, נאָכדעם ווי ער האָט במשך יאָרן אַוועקגעלייגט זײַנע כּוחות, אַז עס זאָל זיך לאָזן „אין דער שפּראַכע אַלעס שרײַבן":

„גענוג — שרײַבט צעדערבוים — ווערן מיר פאַרשוואַרצט מיטן „המליץ", וואָס באַלוינט אויך נישט אונדזער מי, איז עס ווײַניקסטנס איינע אַלטע שיינע שפּראַכע מיט אַ גרעסטער ליטעראַטור. עס באַפרידיקט אַביסל דעם מענטשלעכן ערגייץ זיך מי צו געבן אין דער הייליקן שפּראַכע זיך אויסצייכענען, מען ערווערבט זיך אַ נאָמען צווישן יידן און קריסטן; אַביסל איז דערבײַ אַ פּיעטעטיש געפיל, צו אַרבעטן אין אונדזער רעליגיעזן שפּראַכע, וואָס אין איר ליגט אונדזער אוצר, אונדזער תורה, אונדזער אַלטע היסטאָריע, אונדזער שטאָלץ, אונדזער לעבנסגעשיכטע, אונדזער מאָראַל, אונדזערע איידלסטע געפילע" א. א. וו.

„אָבער — שרײַבט ווײַטער צעדערבוים — וואָס האָט פאַראַ ווערט דער זשאַרגאָן זיינעטוועגן אַזויפיל איבערצוטראָגן? קיין לי־

טעראַרישן נאָמען ווילן מיר זיך קיינעמסוועג דורך אים ניט ער־וועבן, עס איז קיין גרויסער כבוד, אַז מען קען שוין יאָ שרײַבן אין דעם גאַלאַמאַגע לשון, וואָס מיר אַליין האַלטן עס פאַר אַן אומגליק, וואָס די היסטאָרישע אומשטענדן האָבן עס געמאַכט עס זאָל באַ־שטיין הונדערטער יאָר בײַ ייִדן און אין פּוילישע פּראָווינצן, אַ לשון, וואָס האָט אונדז תמיד געשאַדט, באַזונדערס איצט; דאָס האָט אונדז צוגעצויגן פאַראַכטונג פון קריסטן און מיסטרויען גלײַך ווי כּלי זמר לשון; עס האָט אונדז געהינדערט מיט דער וועלט זיך צו אַנטוויקלען און מיר ווינטשן פונעם גאַנצן האַרצן ייִדן זאָלן בעסער ריידן די לאַנדעסשפּראַכע און דעם עלנדן זשאַרגאָן גאַנץ פאַרלערנען. מיר האָבן שוין ניט איינמאָל בפירוש געזאָגט, אַז מיר געברויכן דאָס לשון, עס זאָל זיך אַליין אונטערגעראָבן די עק־זיסטענץ".

און אַן אַנדער געפיל צו דעם „עלנדן זשאַרגאָן" האָט געלעבט אין זײַן האַרצן, אַ געפיל — אַ פונק פון פאַרבאָרגענער ליבשאַפט. אין זײַן הערה צו י. מ. ליפשיצעס „די 4 קלאַסן" (דאַרט, 162, נומ. 24) שרײַבט ער:

„אחוץ דעם איז דאָס פּוסטע חלומות, וואָס טייל מיינען, עס וועט אַ מעגלעכקייט זײַן ייִדן זאָלן זיך אָפּגעוויינען פון ייִדיש, מיר האָבן שוין געזען אַז מלכים האָבן זיך פאַרלייגט שפּראַכן אויסצוראָטן און דאָס איז אוממעגלעך געווען, חיבא מען זאָל די 2 מיליאָן ייִדן אין אונדזער לאַנד צעטיילן עס זאָלן קיין צוויי ייִדן ניט צוזאַמען בלײַבן, און דאָס וועט ער ריידן ייִדיש מיט אַ גאַליצישן ייִד. זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, די שפּראַכע שטייט דעם ייִדן צום האַרצן, און (אין) איר זאָגט ער אַ ווערטל, וואָס מען קען עס אין קיין אַנדערער ניט איבערזעצן". (אונטערגעשטראָכן פון מיר — נ. ב. מ.)

און וועגן דער ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט פון ייִדיש דריקט ער זיך נאָכאַמאָל אויס, מיט אַ זיבן יאָר שפּעטער. ווען ער דערמאָנט גאָט־לאָבערס דער „בידנער ישראליק", בעת ער רעצענזירט דעם זעלביקן מחברס „דער סעים פון די חיות": „בעזאָנדערס מוזן מיר רימען זײַן

סאטיריש געדיכט „דער בידנע ישראליק", וואָס פאַרדינט אין איין אייראָפּעישער שפּראַכע איבערזעצט צו ווערן, דאָך ווען עס איז קיין שפּראַכע האָבן דעם טעם ווי אין יידיש" (אונטערגעשטראָכן פון מיר נ. ב. מ.).

ווי מיר זאָלן נישט וועלן טײַטשן צעדערבוימס באַציונג צו יידיש, איז איין זאַך קלאָר — בײַ אים, בײַ דעם ארכי־פּארמיטלער, איז יידיש געווען נים מער ווי אַ מיטל. דער עיקר איז בײַ אים געווען „צו דערלאַנגען דעם ציל". און דער ציל איז געווען: פאַרבעסערן די לאַגע פון יידן. אויף דער הייסער מינוט האָט ער פּרובירט העלפן מיט שתדלנות. אָבער נאָך מער האָט מען געקענט העלפן דורך בילדונג. בילדונג איז דער עיקר. און אויב ער מוז בילדן דאָס פאָלק דורך „זשאַרגאָן", מוז ער אויך דעם „זשאַרגאָן" אויסבילדן. ער מוז אַרײַנטראָגן אין אים אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן כדי „קריגן געשמאַק" און כדי ער זאָל קענען דערפילן זײַנע „בירגערלעכע פליכטע". דאָס דאַרף מען אויך נייטיק האָבן, כדי זיך קענען ווײַזן דערמיט אין „די הויכע פענצטער" בײַם מלכות.

דעריבער האָט דער אומגעהייער ענערגישער צעדערבוים אײַנגעפירט אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, געזוכט צו שאַפן אַ „גערעגלטע" שפּראַך. ער האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די פּראָבלעמען וועגן אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, דיאַלעקטן. ער האָט געשאַפן דעם פּובליציסטישן און זשורנאַליסטישן נוסח, אַן שום טראַדיציע הינטער זיך. אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור איז זײַן צוציען יידישע שריפטשטעלער צו דער פּרעסע, וועקן נײַע טאַלאַנטן. צווישן די אַלע „נײַקייטן", וואָס ער האָט אײַנגעפירט, איז געווען אויך די אָפּטיילונג „יידישע ביבליאָגראַפיע". אומבאַהאָלפן זעט אויס די דאָזיקע אָפּטיילונג. אָבער, היסטאָריש גענומען, איז זי דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, אויב מע זאָל דערבײַ נים רעכענען צעדערבוימס נעקראָלאָג וועגן ישראל אַקסענפעלדן („קול מבשר", נומ. 26, 1866).

נ. ב. מינקאוו

רעצענזענט און קריטיקער

בײַם סוף פונעם אַרײַנפיר־אַרטיקל „יודישע ביבליאָגראַפיע", (דאָרט 1869, נומ. 22), דערקלערט צעדערבוים די פּראַקטישע סיבה, וואָס האָט אים געצוווּנגען זיך נעמען פאַר רעצענזיעס. זייער פּרימיטיוו זיינען די רעצענזיעס. אָבער אין תוך זיינען זיי דאָס, וואָס עס זוכט יעדע קריטיק — אָנווײַזן אויף ווערטן. ער האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם לייענער פון די שעדלעכע ביכער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער יודישער גאַס, צוגעוווינען אים צו די ניצלעכע ביכער „פון טיכטיקע שרײַבער". „די ניט ניצלעכע ביכלעך" וועט ער אַפילו ניט דערמאָנען. דאָס וועט זײַן אַ סימן פאַרן לייענער, „אַז אויף אַנדערע ביכלעך איז אַן עבירה געלט אויסצוגעבן".

די רעצענזיעס האָבן געהאַט אַן אוטיליטאַרישן צוועק, אָבער אַ פּרימיטיוון. אַזוי פּרימיטיוו איז זײַן הנחה: „אויב דאָס פּובליקום וועט אונדז האַלטן פאַר קאָמפּעטענט, וועט עס זיך שטויסן, אַז אויף אַנדערע ביכלעך איז אַן עבירה געלט אויסצוגעבן".

ער, צעדערבוים, הייסט עס, וועט באַשטימען וואָס פאַר אַ ביכלעך זיינען ניצלעך און וואָס פאַר אַ ביכלעך זיינען ניט ניצלעך. דאָס איינציקע ווי אַזוי ער קען איבערצײַגן דעם עולם איז, — דער עולם זאָל אים „האַלטן פאַר קאָמפּעטענט". קיין אַנדערע מיטלען דאַרף ער ניט.

אין דער אמתן — האָט ער זיי ניט באַדאַרפט, נאָר ער האָט זיי אויך ניט געהאַט. ער האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן זיי. ער איז אויך זיכער — ער האָט אַפילו ניט געוווּסט וועגן דעם צי עס זײַנען כלל פאַראַן מיטלען אַחוץ הוילער מבינות־זאָגעריי: גוט, שלעכט, ניצלעך, ניט ניצלעך, שיין, מיאוס וכו'.

פאָדערן פון אַט־דעם ראשון־הראשונים דיסציפּלינירטע קריטיק וואָלט געווען אַן אומרעכט. זײַן צוגאַנג איז געווען אַן אוטיליטאַרישער, נאָך די באַגריפן פון זײַן צײַט. אויך נאָך זײַן קולטור־מדרגה. ער האָט געהאַט ז ײַ ן בליק, ז ײַ ן פּראַקטישן חשבון ווי אויך ז ײַ ן אייגענע מסקנא, וואָס האָט אים געבראַכט צו שרײַבן רעצענזיעס. דאָס אַלץ

שפּיגלט זיך אָפּ אין דער באַלערנדיקער און אינטערעסאַנטער ערשטער אַרבעט, אין זײַן הקדמה צו יידישער קריטיק.

עס איז דעריבער וויכטיק צו ברענגען אָט־די הקדמה כמעט בשלימות:

„אונדזער פּראָסט יידישע (זשאַרגאָן) ליטעראַטור איז פון אַלע צײַטן זייער רײַך אין ספרים, זײַט אַ פּאָר הונדערט יאָר האָט מען פאַר דעם געמיינעם עולם, פאַר ווײַבער, געדרוקט תנ״ך, סי־דורים, דאָס טײַטש־חומש מיט לעגענדן און מדרשים, מוסר־ספרים, דינים, תחינות און בבא־מעשיות. דאָס איז תמיד געווען פאַר די מוכר־ספרים, פאַר פּאַקנטרעגער די קראַנסטע סחורה. עס איז זאָ־גאָר צו דעם לשון געווען אַן אייגענע שריפט — ווײַבעריש טײַטש, אָדער תחינה־כתב... זיי האָבן דער נידעריקן פאָלקס־קלאַסע און נקבות, וואָס פאַרשטייען ניט קיין לשון־קודש, געגעבן אַ באַגריף פון אונדזערע געבעטע, פון רעליגיע, פון דינים און מנהגים. נאָר וואָס פאַרא באַגריף? אים שטיינסגעזאָגט! עס האָט טאַקע דעם געמיינעם פאָלק איינגעפּלעמט ערפוכט פאַר גאָט, אנדאַכט בײַם דאַוונען, אָבער פאַרמישט מיט דעם גרעסטן אָבערגלויבן, מיט שרעקלעכע שטותים, מיט פורכטבאַרע שילדערונגען פונעם גיהנום און זינלעכע תענוגים אינעם גן־עדן; פון מלאכים, שדים, רוחות, ליצנים, דאַמאָוואָי, שרעטעלעך, מלאך המות, מיט דעם מלאך דומה, לילית, אשמדאי וכדומה. זיי האָבן פאַרדאָרבן בײַם פאָלק דעם געשמאַק פאַר די אינהאַלטרײַכע געבעטע, די הייליקע שריפטן... דורך די אגדות, וואָס זיי האָבן אײַנגעוועבט אין די פּסוקים, האָט קיינער ניט געוווּסט, וואָס אין דער תורה שטייט, און די שווערמע־רישע פאַנטאַזיע איז גערייצט געוואָרן. ווער שמועסט די תחינות, וואָס די מחברים פון זיי זיינען געווען דומע גבאיטעם, פאַר די תחינות איז זיך גאָר חילשה־חלשות אָנגעגאַנגען. קיין אידעע, קיין זין, קיין ריינע ווערטער, פּשוט, אַ געשוועץ... זײַט אַ צײַט האָט אָנגעהויבן דער חסידיזמוס זיך באַדינען מיט דעם מיטל צו פאַר־ברייטן אונטער דעם פאָלק פאַנאַטישע שריפטן, ניסים פון די צדי־קים, איין ליגן גרעסער פון דעם אַנדערן. די דרוקער האָבן געמאַכט

דערפון אַ גאַנצע שפּעקולאַציע. מען דרוקט אָפּ צו 30.000 עקזעמ־פּליאַרן אַזעלכע שמאַטעס אויף ביבולע פּאַפּיר און דער המון עס קויפט דאָס וואָלוול ווי הייסע פּלאָדן און דאָס האָט דעם פינצטערן חסידיזמוס באַפעסטיקט אינעם פאָלק, מען האָט פּשוט ביי זיי אוועקגענומען דעם שכל צו אורטיילן איבער עפּעס מיט אייגענעם פאַרשטאַנד, מיט נאַטירלעכן געפיל. אַלע זייערע געדאַנקען זיינען איבערגעשפּאַנט פון דער וועלט, און אַלעס וואָס טוט זיך אויף איר, האָבן זיי גאָר קיין באַגריף ניט. מען מעג זיי פירזאָגן אויפן הימל איז אַ יאַריד, וועלן זיי זיך מאַכן רייזע פערטיק אַהין צו פאָרן.

„דער תכלית דערפון איז, נאַטירלעך, זייער שלעכט, אַזעלכע שריפטן הינדערן זיי צו האָבן ריינע בירגערלעכע געפילע צו זאָרגן פאַר זיך און זייערע קינדער (אונטערגעשטראָכן פון מיר, נ. ב. מ.) איין שטיקל מעלה מוז מען דעם שעדלעכן איינפלוס צושרייבן, דאָס פאָלק פילט אַ באַדערפעניש צו לייענען, עס אינטערעסירט זיך שוין פאַר ליטעראַטור — נאָר אויף אַלע וויסטע ווילדער געזאַגט, וואָס פאַר אַן עלנדע ליטעראַטור! דאָס האַרץ טוט נאָר וויי צו זען ווי דאָס פאַרפירט דאָס פּראָסטע פאָלק און פאַרדאַרבט זיין געשמאַק, זיין דענקונגס־אַרט.

„דאָס האָבן שוין מאַנכע געבילדעטע מענטשן איינגעזען און פלעגן פּרוּוון שרייבן אין דעם אייגענעם זשאַרגאָן ריינערע מעשיות, טעאַטערע, זאָגאַר ראָמאַנען, געדיכטע וכדומה. נאָר טייל האָבן עס געמאַכט פאַר אַ שפּאַס און האָבן גאַרנישט געדענקט אַזעלכע שריפטן אַרויסצוגעבן; טייל האָבן זיך פּשוט געשעמט, פלוצים מחברים צו ווערן אין דעם אָרעמען זשאַרגאָן, וואָס עס איז צו ווינטשן ער זאָל גאָר פאַרגעסן ווערן פון אונדזערע רוסישע ברי־דער, אַזוי ווי ער עקזיסטירט שוין ניט אין דייטשלאַנד. טייל האָבן גאָר געפּיינערט מען זאָל חלילה ניט אויסבילדן דעם שעדלעכן זשאַר־גאָן. די שרייבער אין דעם לשון האָבן נאָר געגילטן פאַר מאַרשאַ־לעקס. ווער עס גלוסט זיך אָזאַ ראָלע צו שפּילן.

„מיר האָבן זיך די ערשטע געוואַגט אויפצוטרעטן מיט אַ

צײַטונג אין דעם זשארגאָן. אָנפאַנגס האָבן טייל אוים אונדז חוזק געמאַכט. טייל, וואָס האָבן געזוכט זיך אָן אונדז נוקם זײַן פאַר א ווונק אין אן ארטיקל, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט פאַר רוסישע פאַטריאָטן אונדז אָנצושווארצן בײַ נאַטשאַלסטווע, אַז מיר ווירקן קעגן איר ווונטש. די פּראַקסי האָט באוויזן, אַז מיר האָבן זיך ניט טועה געווען אין חשבון, פיל פון אונדזערע קעגנער זײַנען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דער „קול מבשר" איז זייער נוצלעך, ער האָט פיל געווירקט אויפן נאַראָד.

„דורך אונדזער צײַטונג האָבן די גוטע שרײַבער זיך אָנגעהויבן ארויסצוווײַזן, נײַע האָבן זיך אָנגערעגט געפילט צו שרײַבן, און מיר האָבן זיך מי געגעבן דעם אומגערעגלטן זשארגאָן ווייניקסטנס אונ־טער אַ פּראַקטיש סיסטעם צו ברענגען און אַלע אייגנגעלויפענע אר־טיקל מיט איין אָרטאָגראַפיע צו דרוקן און אייראָפּעיִשער צו מאַכן. עס האָבן זיך אויך ארויסגעוויזן ניצלעכע ביכלעך פון טיכטיקע מחברים אַלס פאָלקס־שריפטן. צום באַדויערן איז ווי געוויינטלעך אין דער וועלט, יעדעם גוטע האָט אויך זײַן שלעכטע זײַט. בײַ טייל איז דער זשארגאָן געוואָרן אַ שפּעקולאַציע, ווי פריער בײַ חסידישע ספרים. ווער עס וויל שרײַבט אָן אַ צוועק, נאָר געלט צו מאַכן. פאַר די דרוקער איז דאָס אויך אַ סחורה. ווייניק לייִדעט מען הײַנט פון העברעיִשע מחברים, זײַנען נאָך אויפגעשטאַנען פּראָסט־יִידישע ליטעראַרישע בעטלער. און מיר לײַדן נאָך ערגער דערבײַ. די מחברים שיקן אונדז ארײַן די צוועקלאָזע חיבורים, פאַרלאַנגען באַ־לויבט צו ווערן, אַז ניט — ריידן זיי אוים אויף אונדזערע בלעטער אָסור לדבר. דער בעל־הבית קויפט זיך אָפּ מיט געלד. מיר זאָלן פאַרלירן די צײַט אָזעלכע ביכלעך צו לעזן, גלײַך מיר האָבן קיינע ניצלעכערע ליטעראַרישע שריפטן צו לייענען, און זאָלן נאָך שרײַבן קריטיקן.

„מיר האָבן דאַהער זיך פאַרנומען די נים ניצלעכע ביכלעך גאָרניט צו געדענקען, אוים איבער די וואָס קומען ארוים פון טיכ־טיקע שרײַבער ווי: ה"ה דר. עטינגער ע"ה, גאָטלאָבער, אבראַמאָ־וויץ, בינשטאָק, דיק, גאָלדפאַדען, לינעצקי וכדומה. אויב דאָס

פובליקום וועט אונדז האַלטן פאַר קאָמפּעטענט, וועט עס זיך שטויסן, אַז אויף אַנדערע איז אַן עבירה געלט אויסצוגעבן.

„דעם אָנפאַנג וועלן מיר מאַכן מיט צוויי ביכלעך, וואָס זיינען ערשט הי דערשינען."

נאָכדעם קומען די פאַרצייכענונגען, „די קריטיקן", איבער די צוויי ביכלעך.

מע מוז צוגעבן, „דער אָנפאַנג" האָט לחלוטין גאָרניט צו טאָן מיט קריטיק. „דער אָנפאַנג" איז דאָס, וואָס מען רופט איצט אָן: א נאָטיץ וועגן א ביכל, און צעדערבוים האָט עס טאַקע אַזוי אָנגערופן: נאָטיצן, „ביבליאָגראַפּישע נאָטיצן". איז כדאַי זיי ציטירן אינגאַנצן:

די יודענע, פאַרשיידענע געדיכטע און טעהאַטער אין פּראָסט יודישן פון אברהם גאָלדפאַדען (דער מחבר פון „יודעלע").

„ה' גאָלדפאַדען איז שוין גענוג באַקאַנט דעם יודישן לעזענדן פובליקום. זיינע געדיכטע זיינען מייסטנס קלינגענד, פּונעם פאָלקס־לעבן געגריפן און זייער אונטערהאַלטנד. אויך דאָס טעהאַטער „די מומע סאָסיע" אין פּראָזע איז אויך שיין, דערביי פּראַכטפאָל אָפּגעדרוקט מיט א ליטאָגראַפיש בילד פון א יודענע אויף דעם טיטל־בלאַט. צו קריגן ביים מחבר אין הויזע קלינג, טרויצקי גאַס".

פון אָט דער נאָטיץ דאַרף דער לייענער זיך ראשית אָנשטויסן: דאָס ביכל ווערט דאָך דערמאָנט אין „קול מבשר", איז עס א באַוויז, אַז דאָס געהערט צו די „ניצלעכע" ביכלעך, וואָס דורך זיי קען מען „קריגן געשמאַק". והשנית — אויב דאָס פובליקום האַלט צעדערבוימען „פאַר קאָמפּעטענט", וועט עס זיך דערוויסן אויך „אַבּיסל קריטיק". און „די קריטיק" אין דער נאָטיץ באַשטייט פון צוויי זאַצן. זיי האָבן אין זיך ניט מער ווי סתם „מבינות־זאָגעריי", אָבער דאָס זיינען געווען די ערשטע טריט אין יודישער קריטיק. די צוויי זאַצן: 1) „זיינע (גאָלדפאַדענס) געדיכטע זיינען מייסטנס קלינגענד, פּונעם פאָלקס־לעבן געגריפן און זייער אונטערהאַלטנד". און 2) „אויך דאָס טעהאַטער „די מומע סאָסיע" אין פּראָזע איז אויך שיין..." דאָס אַלץ.

די צווייטע „קריטיקע" איז שוין מער „ביבליאָגראַפישע נאָטיץ" ווי די ערשטע. דאָס איינציקע מבינות, וואָס מען געפינט דאָרט, איז, אַז דאָס ביכל איז „אינטערעסאַנט פאַר יעדן ייִדן...". אָט איז די גאַנצע נאָטיץ:

„ראָטהשילד", אַ בעשרייבונג פון׳ם ערשטן מיסד פון׳ם גרויסן הויז ר׳ מאיר אנשיל מיט אַלע זיינע פינף זין, ביז דעם טוידט פון דעם לעצטן געשטאָרבענעם ר׳ יעקב מיט זיין בילד (האָלצשניט) דרוק און פערלאַג פון ל. ניטצשע". „דאָס ביכל איז באַאַרבעט פון אַ דייטש און איבערזעצט אויף יודיש! טייטש (ייִדיש־טייטש — נ. ב. מ.) מיט נקודות, שיין אָפּגעדרוקט. עס איז זייער אינטערעסאַנט פאַר יעדן ייִדן צו לעזן די ביאָגראַפיע פון דער גערימטן פאַמיליע אויף וועלכער מיר מעגן שטאָלץ זיין און וועלכע ווירקט אַזוי ניצלעך פאַר אונדזער נאַציע סיי מאָראַ־ליש דורך זייער איינפלוס אויף די רעגירונגען, דורך זייער אָנ־זען אין די הייף, און טאַקע פשוט דורך זייער גרויסער צדקה. עס איז אויך אין דער צייט, אַן אָנדענק צו לאָזן דעם גערימטן ר׳ יעקב ראָטהשילד, וואָס איז פאַרגאַנגענעם ווינטער געשטאָרבן אין פּאַריז און אַלע צייטונגען האָבן מיט זיינע נעקראָלאָגן געקלונגען, אַלע מלכים האָבן דער פרוי ביילייד־בריווע געשיקט".

אחוץ דער זייער וויכטיקער הקדמה, זיינען די נאָרוואָס דערמאָנטע צוויי „ביבליאָגראַפישע נאָטיצן" געווען ניט מער ווי די ערשטע, אומ־באַהאָלפענע טריט. אָבער פאַר דעם ווירקלעכן קריטישן אַרטיקל קען מען אָננעמען דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין „קול מבשר" וועגן א. ב. גאָטלאָבערס „דער סעים פון די חיות". הגם אויך דאָ האַלט זיך אַלץ אויף הוילע מבינות־זאָגערייַ, דערקלערט ער שוין דאָ גאַנצע פיר ענין־נים: 1) דעם אינהאַלט און וואָס דער מחבר, האָט געמיינט מיטן אינ־האַלט; 2) וועגן דעם מחבר גופא און ווי נוציק ס׳איז זיין שרייבן; 3) פאַרוואָס „דער סעים פון די חיות" איז אַ מייסטערווערק; און 4) פאַר־וואָס דאָס מייסטערשטיק נעמט אויס ביים פאָלק.

דעם אינהאַלט און דעם מחברס כוונה גיט ער איבער אַזוי:

„דאָ ווירד געשילדערט ווי די חיות קומען זיך צונויף אין וואַלד ווײַלן אַ מלך, איטלעכע חיה שטופּט זיך צו דעם ערנאַמט, רעדט זיך אײַן אַליין און וויל דעם גאַנצן עולם אײַנרעדן, אַז נאָר זי איז פּעזיק, זי איז דער מיוחס, זי פאַרדינט געווײלט צו זײַן. דאָס איז אַ סאַטירישע פאַרשטעלונג אין וועלכער עס קענען זיך אָפּשפּיגלען פיל יידישע אַסיפות, ווו איטלעכער סטאַרעט זיך צו ווערן גבאי, גלאַסנע, ראַטמאַן, סטאַראָסטאַ וכדומה אַנדערע ייִדישע התמנותין יעדער מיינט קיין העכערס און בעסערס אין יוחס (יחוס) און אין חכמה איז גאָר ניטאָ אין דער גאַנצער שטאָט. נאָר אין די רייד אַליין, ווו יעדער רעכנט אויס זײַנע מעלות קומען אַרויס, אַז ער מאַכט מיט זײַן נאַרישן שטאָלץ אויס זיך אַליין חוזק און שילדערט אַלע זײַנע חסרונות. יעדע חיה רימט זיך מיט דעם וואָס זי ניצט אין ייִדישן לעבן. דערווײַל ווירד דאָ פאַרגעשטעלט אַלע שטותים און פעלער אין די ייִדישע זיטן פאַרקליידעט קלאָמערשט אין מעלות... אַפילו דער סוף גיט אַ גוטן פּיק און ווײַזט, אַז נאָך אַלעם זיינען די חיות פאַרט קליגער פון די מענטשן. בײַ ייִדן קומט דאָך טאַקע אויס על פּי רוב, כאָטש מען קען אַלע פעלער פון די שטאָט־טוערס, פונדעסטוועגן קומען זיי שטענדיק אַרויס בײַ די וויבאָרעס פון אויבן, און בײַ די חיות האָט מען אַלע אָפּגעפּאַרטיקט און מען איז געבליבן בײַם לייב, וואָס איז אָנגענומען פאַר דעם שטאַרקסטן, קלוגסטן און שענסטן אונטער די חיות. ער ווייסט זיך אַ טאָן אָנצוגעבן און פאַרשטייט צו רעגירן, צו באַשיצן זײַן עולם."

וועגן דעם מחבר רעדט ער אויך באַריכות. ער דערמאָנט אויך זײַן געדיכט „דער בידנע ישראליק". ער רעדט וועגן דעם נוצן, וואָס דער מחבר ברענגט דעם פאָלק: „אַזעלכע אָנציענדע ביכלעך עפענען דעם פאָלק די אויגן".

„דער מחבר" — שרײַבט ווײַטער צעדערבוים — „און דאָס געדיכט דאַרפן אייגנטלעך קיין הסכמה. ה' גאָטלאָבער איז שוין מער פון דרײַסיק יאָר באַקאַנט פאַר אַ גרויסן דיכטער אין העב-

רעזשן (דורך זײַנע ווערקע וואָס ער האָט שוין פילע געדרוקט, גע־דיכטע און געלערנטע ספרים), אויך אַלס פֿאָלקס־דיכטער אין זשאַרגאָן. זײַנע לידער זינגט מען פֿון לאַנג אין גאַנץ פּוילן און דעם ספר האָבן פֿילע אָנגעשריבן (דער מחבר האָט אים פֿאַר דעם דרוקן פֿיל באַארבעט, פֿאַרמערט און פֿאַרבעסערט). נאָר אין יענער צײַט איז דעם מחבר ניט אָנגעשטאַנען צו דרוקן זײַנע לי־דער און געדיכטע, אַלס העברעיִשער מחבר פּלוצים אַראָפּפֿאַלן אויף פּראָסט ייִדיש. ביז דער זשאַרגאָן איז אויפֿגערעכט געוואָרן דורך אַ גאַזעטע, דעמאָלט האָבן זיך פֿילע ערשט אומגעקוקט, אַז מיט דעם לשון קען מען פֿיל ווירקן, און די וועלט, אויך ה׳ גאָט־לאָבער, זיינען אויפֿמערקזאַם געוואָרן, וואָס פֿאַרא ווירקונג זײַנע ייִדישע לידער האָבן אויף דער אויסבילדונג פֿונעם פֿאָלק און ווײַ־בער. דאָס האָט שוין באַמערקט איינער פֿון אונדזערע קאָרעספּאָנ־דענטן (מיר ערינערן זיך ניט אין וועלכן נומער)... ה׳ גאָטלאָ־בער האָט נאָך דאָס פֿאַרדינט אין רוסלאַנד כמעט דער ערשטער, ווייניקסטנס דער פּאָפּולערסטער ייִדישער דיכטער צו זײַן. אָן אים האָבן זיך ערשט אַנדערע מקנא געווען און גענומען צום שרײַבן. באַזונדערס מוזן מיר רימען זײַן סאַטיריש געדיכט „דער בידנע ישראליק", וואָס פֿאַרדינט אין אַן אייראָפּעיִשע שפּראַכע איבער־זעצט צו ווערן, דאָך וועט עס אין קיין שפּראַכע האָבן דעם טעם ווי אין ייִדישן. עס וואָלט אַ יושר געווען מע זאָל עס דרוקן און מיר גלויבן, אַז הײַנטיקע צײַטן דאַרף מען בײַם דרוקן, אויך קיין שוועריקייטן ניט מאַכן. — אין אינטערעסע דער פֿאָלקס־בילדונג עמפּפֿעלן מיר דעם „סעים" און ווינטשן עס זאָלן די געדרוקטע עק־זעמפּלאַרן אין גיכעם פֿאַרקויפֿט ווערן. דאָס וואָלט אויפֿגעמונ־טערט דעם מחבר זײַנע איבעריקע געדיכטע און לידער אַרויסצו־געבן, אויך נײַע פֿאַרפֿאַסן און צו דרוקן. אַזעלכע אַנציענדע ביכ־ליך עפֿענען דעם פֿאָלק די אויגן".

ווי מיר זעען האָט צעדערבוים געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן מכוח דעם אינהאַלט פֿונעם חיבור און מכוח דעם מחבר. וועגן דער פֿראַגע אָבער, פֿאַרוואָס איז דער „סעים" אַ מײַסטערווערק, — וועגן דעם האָט ער זיי־

ער ווייניק וואָס צו זאָגן. די עטלעכע שורות, וואָס ער שרײַבט וועגן דעם, זיינען ניט מער ווי באַהויפּטונגען. דער לייענער דאַרף עס בלינד אָננעמען אַן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, אויב ער האַלט נאָר דעם קריטיקער „פאַר קאָמפּעטענט". און דאָס איז אַלץ וואָס ער קען זאָגן וועגן „סעים": „עס איז באמת אַ מײַסטערשטיק, זייער גײַסטרײַך, וויציק, סאַטיריש און באַלערנד פאַר דעם פאָלק". אחוץ אָט־דעם איינציקן זאַץ הוילע מבינות גיט ער ווײַטער אָן עטלעכע זאַצן מבינות, הגם אין יענע זאַצן דערקלערט ער פאַרוואָס גאָטלאָבערס אַלגעמיינע ווערק נעמען אויס בײַם עולם: „די אורזאַכע — שרײַבט צעדערבוים — פאַרוואָס ה׳ גאָטלאָבערס לידער און געדיכטע האָבן אַזוי נושא חן בײַם פאָלק און האָבן געווירקט, איז גאַנץ איינפאַך — ווײַל זיי זיינען גענומען פון ייִדישן לעבן, עס ליגט אין זיי פּיקאַנטער וויץ אין ייִדישן געשמאַק. איטלעכן דאַכט זיך, ער דערקענט די קאַראַקטערע וואָס זיינען דאָ געשילדערט. די שפּראַכע איז ריין ייִדיש, און די גראַמען קלינגען זייער שיין". און נאָך אַ זאַך איז פאַראַן, בײַם סוף אַרטיקל, בעת ער דערמאָנט דר. שלמה עטינגערס „דעם לייבם טויט" און „די אַסיפה": „יענע ביידע — שרײַבט צעדערבוים — זיינען פיל קירצער פונעם „סעים", וואָס גייט ווײַטער אַרײַן אין ייִדישע זיטן מיט אַלע זייערע געוווינהייטן". געמיינט האָט דאָ צעדערבוים, אַז דער „סעים" גייט טיפער אַרײַן ... א. א. וו.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאָלקסטימלעך־באַרעדעוודיקן צעדערבוימען: „קריטיקירן" איין זאַך און שפּעטער אינגאַנצן איבערגיין אויף אַ גאָר אַנדערער טעמע. אין זײַן „קריטיקע" וועגן גאָטלאָבערס „דער סעים פון די חיות" לאָזט ער זיך גאָר אַרײַן אין אַ שמועס וועגן דר. שלמה עטינגערן און זיינע עטלעכע ווערק. דאָס פאַרנעמט כמעט אַזוי פיל פּלאַץ ווי די אייגנטלעכע רעצענזיע וועגן גאָטלאָבערס „סעים". אַזוי איז אויך מיט דער רעצענזיע איבערן „לופט־באַלאָן". ער פאַרנעמט דאָרט דעם גרעסטן טייל אַרטיקל מיט אַ לעקציע וועגן דער ייִדישער שפּראַך. אַגב, דאָס זעלביקע טוט ער אויך אין זײַנע פּובליציסטישע אַרבעטן.

אַזוי ווי ער האָט די רעצענזיע וועגן גאָטלאָבערס „סעים" פאַרענ־

דיקט מיט די ווערטער וועגן די „אַנציענדע ביכלעך‟, וואָס „עפּענען דעם פּאָלק די אויגן‟, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ פליכט צו דערמאָנען נאָך אַ מחבר פון „אַנציענדע‟ ווערק. און ער הייבט אָן צו ריידן וועגן עטינגערן. אויך דאָ גיט ער איבער דעם אינהאַלט פון עטינגערס עטלעכע ווערק און דעם שרײַבערס כוונה. און דאָס „קריטישע מבינות‟ גיט ער איבער בלויז אין געציילטע צופעליקע ווערטער: „איינע פון די אויסגעצייכנטע יידישע דיכטער"...; „די שמאטעס‟ שטעלן מײַסטערהאַפט פאַר דעם אָפּגערופענעם יחוס‟...; דערבײַ איז פאַרגעשטעלט אויסגעצייכנט‟...; „דער קיטל‟ איז זייער גוט‟, „דאָס לעבט‟ איז נאָך בעסער‟; „די לעבהאַפטע שילדערונג איז אויסגעצייכנט אין עטינגערס „דאָס לעבט‟; „הערלעך צוגעפּאַסט צו יידישע פאַרהעלטניסע‟. אַט־די צופעליקע ווערטער זיינען דער גאַנצער קריטישער באַגאַזש וואָס צעדערבוים ווײַזט אונדז אין דעם צוגאָב־טייל וועגן עטינגערן:

„מיר האַלטן עס פאַר אונדזער פליכט בײַ דער געלעגנהייט צו דערמאָנען איינעם פון די אויסגעצייכנסטע יידישע דיכטער, וואָס האָט נעבעך ניט דערלעבט צו זען דעם זשאַרגאָן אויפטרעטן פאַר אַ שליח מיוחד פון דער בילדונג, און זײַנע גײַסטעספּראָדוקטע ליגן ביז נון אין אַ ווינקל. מיר מיינען אונדזער יוגנטפרײַנד דעם ד"ר ש. עטינגער אויס זאַמאָשטש, דער מחבר פון „סערקעלי‟ (אַ שאָד דאָס טעאַטער־שטיק, דאָס ערשטע אין זשאַרגאָן, איז בגניבה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּרײַסן פון אַ שפּעקולאַנט, אָן ערלויבנים פון די יורשים, ניט פונעם רעכטן אָריגינאַל, נאָר פון אַ פעלערהאַפטער קאָפּיע און פיל מיט גרײַזן, אַז מען קען פיל זאַצן גאָר נישט פערשטיין. מיר, וואָס האָבן דעם אָריגינאַל גוט געקענט, איז אונז ניט מעגלעך געוועזן עס צו דערקענען). פון אים איז געבליבן אַ גאַנצע זאַמלונג געדיכטע, אָריגינעלע און איבערזעצונגען; אונטער זיי ערינערן מיר זיך בעזונדערס: „וויטעלע די צנועה‟, אַ שילדערונג פון אַ פרומער נגידה, וואָס וויל גילטן פאַר אַ גבאיטע, בעל־צדקה, און גיט קיינעם ניט אַ גראָשן; פאַר יעדן האָט זי איין אַנדער תירוץ און

איבערהויפט שטעלט זי גאָר אויף אַ פּרינציפּ, אַז מען טוט גאָר אַן עבירה אַ נדבה צו געבן: אַז רבש"ע האָט געהייסן יענעם זײַן אײן אָרעמאַן, ווער טאָר גייען געגן זײַן ליבן נאָמענס ווילן. „די שמאַטעס" שטעלן מײַסטערהאַפּט פאָר דעם אָפּגערופּענעם יחוס, ווי די שמאַטעס אין דער בריקע קריגן זיך און איטליכע בלאָזט זיך מיט דעם וואָס זי איז אַמאָל געוועזן און פון וואָס פאַר אַ פאַבריק זי קומט אַרויס. ביז דער בעל־עגלה, שרײַט אויף זיי אָן און זאָגט זיי, אַז מען דאַרף זען צו וואָס זיי װעלן נוצן, וואָס פאַר אַ פּאַפּיר מען װעט פון זיי מאַכן און צו וואָס דאָס פּאַפּיר װעט פאַרוועַנדעט ווערן. ענדלעך „דאָס לעבט", דאָס איז נאָכגעמאַכט אויף דעם שטייגער פון שילער'ס גלאָקע. דאָס לעבט שפּילט בײַ יידן אויך אַזאַ ראָלע ווי דער גלאָק בײַ קריסטן בײַ אַלע געלעגנ־הייטן פון דער געבורט ביז צום טויט. דערבײַ איז פאָרגעשטעלט אויסגעצייכנט דאָס גאַנצע יידישע לעבן מיט דער ערציהונג, דאָס געשעפטס און געמיינדע לעבן. אַזאַ געדיכט איז שוין געדרוקט אינעם יידישן „דער קיטל" אויך זייער גוט, נאָר „דאָס לעבט" איז נאָך בעסער. שוין דאַרום וואָס דער קיטל קומט ניט פאָר בײַ דער געבורט, ובכלל די לעבהאַפטע שילדערונג איז אויסגע־צייכנט אין עטינגער'ס „דאָס לעבט". — עס איז אויך פון אים דאָ „דעם לייב'ס טויט", און „די אסיפה", יעדנפאַלס אַ הומאָריס־טישע כאַראַקטער שילדערונג פון יידישע וויבאַרים. עס איז איי־נע נאָכמאַכונג פון איינער אַלטן פאַבל אין דײַטשישן, נאָר הער־ליך צוגעפּאַסט צו יידישע פערהעלטניסע. מיר ערינערן זיך נאָך איינע סטאַנציע ווי דאָס עזעל רעכנט אויס זײַן יחוס און דערפאַר קומט אים צו זײַן אַ מושל:

„אויף מײַן עלטער עלטער זיידע,
איז אברהם געריטן צו דער עקדה,
און דאָס ווייס איך אויך גאַנץ קלאָר,
אַז דאָס עזעל פון ר' פּנחס בן יאיר,
איז געוועזן מײַן פעטערס לײַבליכער מחותן כו'".

„יענעביידע זיינען פיל קורצער פונעם „סעים", וואָס גייט אַרײַן אין ייִדישע זיטן מיט אַלע זייער געוווינהייטן."

אין די ערשטע צוויי רעצענזיעס (איבער גאָלדפאַדענס „יודענע" און דעם ביכל „ראָטהשילד") זיינען ניט געווען קיין שום בולטע „כאַראַקטער־שטריכן" פון אַ קריטיקער, אַ חוץ סתם אַ וואָרט מבינות, אָן שום גרונד. מיר האָבן דאָס יאָ געזען אין דעם אַרטיקל איבער גאָטלאָבערס „סעים" און איבער עטינגערן. אין דער פריער־דערמאָנטער רעצענזיע וועגן י. מ. ליפשיצעס רוסיש־ייִדיש ווערטער־בוך, האָט צעדערבוים ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו שמועסן וועגן דעם וואָס עס איז „אָנציענד". ער האָט געקענט דאָרטן ריידן בלויז וועגן דעם וואָס עס איז „באַלערנד", „נוצלעך".

דאָס וואָס איז ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר צעדערבוימס ערשטע צוויי רעצענזיעס, פּינקטלעכער געזאָגט, נאָטיצן, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַנע ווײַטערדיקע קריטיקן. ער גיט אין זיי איבער: 1) דעם אינהאַלט פון ווערק; 2) דעם שרײַבערס כוונה (און לעצטן ציל — „ברענגען ניצלעכקייט" „דעם נאַראָד"); 3) וועגן דעם שרײַבער גופא; 4) סתם־מבינות און 5) ווײַטיקע עקסקורסיעס, ווי למשל, ווען ער פאַררעדט זיך וועגן עטינגערן אין דער גאָטלאָבער רעצענזיע.

אין זײַן אַרטיקל וועגן מענדעלעס איבערזעצונג (אָן מענדעלעס נאָמען) פון זשיל ווערנס „דער לופטבאַלאָן" (דאָרט, 1869, נומ. 25) קען מען שוין ווידער זען יענע „כאַראַקטעריסטישע שטריכן", וואָס מיר זוכן בײַ קריטיקער, אַפילו דעמלט ווען זיי זענען אויס נאַיוו און אומבאַהאָלפן.

אין דער רעצענזיע איבערן „לופטבאַלאָן", איז ער פאַרינטערעסירט צו דערקלערן, אַז „די געשיכטע און די שפּראַכע זיינען אַזוי אָנציענד און אַזוי באַלערנד". „באַלערנד" איז עס, ווײַל דער „אויפמערקזאַמער לעזער לערנט דערבײַ אויף דער אָנגענעמסטע אַרט די געאָגראַפישע לאַגע פון פיל לענדער אין אַפריקע, דעם פלוס־נילוס פון זײַן אורשפּרונג ווי ער פליסט פון די בערג, די מדבר סאַהאַראַ, די סטעפּעס, די ווילדע חיות, קראָקאָדילן, פייגל און די זיטן פון די גאַנץ אָדער האַלב ווילדע פעלקער, די נעגער און דעם שקלאַפן־האַנדל". אחוץ דעם זיינען „אַזעלכע שריפטן... אם בעסטן געאייגנט דאָס פאָלק צו בילדן. און זיי

צו פארמיאוסן דעם געשמאק פאר פוסטע בבא־מעשות פון שדים און לצים און פאר איבערטריבענע אויסגעטראכטע ניסים פון גוטע יידן..." און די שפראך אליין „וועט זיי אויפמערקזאם מאכן ווי פארנאכלעסיקט דאס לשון איז ביי יידן"...

די הויפט־באווייזן פארוואס דאס ווערק „דער לופטבאלאן" איז „אנציענד" זיינען: 1) „דער איבערזעצער... האט מייסטערהאפט איבערגעגאסן פון איין שפראכע אין דער אנדערער און דער אינהאלט האט דאדורך נישט פארלוירן אן (אין) געשמאק. מען קען שווערן עס איז אן עכט יידיש אריגינאל"; 2) „אין אזא עכט ריין יידיש איז די גאנצע מעשה באשריבן, אן שום געמיש פון דייטש, מיט אלע אין פאלק געברויכטע אויסדריקע אין דעמזעלבן טאן, דאך ניט קיין לשון פון מארק־יידענעס"...; 3) „מיר האבן דאס ביכל ניט געקענט אויס דער האנט לייגן ביז מיר האבן עס געענדיקט און זיינען איבערצייגט, אז יעדער וואס וועט לעזן דאס ביכל וועט מודה זיין, אז מיר האבן רעכט"; 4) „אלע שילדערונגען זיינען אזוי לעבהאפט, אז די איבערנאטירלעכסטע עראייגנגניסע ערשיינען פאר ווארהייטן". נאך די פירושים פארוואס דער חיבור איז „אנציענד און באלערנד" קומט א לעקציע וועגן עניין שפראך. אט אזוי גייט די גאנצע רעצענזיע:

„דער לופטבאלאן", א רייזע־בעשרייבונג פון דעם ענגלישן ד"ר סאמועל פערגיסאן וואס איז איבערגעפלויגן גאנץ אפריקע אין א לופטבאלאן און אלסדינג וואס עס האט זיך מיט אים פאסירט אויף דעם וועג. זיטאמיר, בדפוס א. ש. שאדאוו. תרכ"ט.

„דאס איז צוואר איינע איבערזעטצונג, נאר דער איבערזעטצער (מיר וויסן זאגאר ווער ער איז, נאר אז ער האט זיין נאמען ניט ארויסגעשריבן, קענען מיר אים ניט נענען) האט מייסטערהאפט איבערגעגאסן פון איין שפראכע אין דער אנדערן און דער אינהאלט האט דאדורך ניט פערלוירן אן (אין) געשמאק. מען קען שווערן עס איז איין עכט יידיש אריגינאל: אין אזא עכט ריין יידיש איז די גאנצע מעשה בעשריבן, אהן א שום געמיש פון דייטש, מיט אלע אין פאלק געברויכטע אויסדריקע אין דעמזעלבן

טאָן, דאָך ניט קיין לשון פון מאַרק־ייִדענעס, נאָר פון בעסערע לײַטישע מענטשן, פון פּראָסטע קליינע און וועלטלעכע ייִדן וואָס האָבן געלערנט אין אַ חדר און זיינען געקומען צווישן לײַט. עס איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו לעזן. דערבײַ האָט ער געוועהלט איינע ערצעהלונג וואָס איז זייער אינטערעסאַנט, אַ שילדערונג ווי אַ ד"ר פערגיסאָן איין ענגלענדער האָט אונטערגענומען אַ רײַזע אויף אַ לופטבאַלאָן איבער אַפריקע, מיט אים זיינען מיטגערײַזט אַ פרײַנד און אַ טרײַער דינער. די געשיכטע און די שפּראַכע זיינען אַזוי אָנציענד און אַזוי באַלערנד, אַז מיר האָבן דאָס ביכל ניט געקענט אויס דער האַנד לייגן ביז מיר האָבן עס געענדיגט און זיינען איבערצײַגט אַז יעדער וואָס וועט לעזן דאָס ביכל וועט מודה זײַן אַז מיר האָבן רעכט. אַלע שילדערונגען זיינען אַזוי לעבהאַפט, אַז די איבערנאַטירלעכסטע עראייגניסע ערשינען פאַר וואַרהייטן.. דער אויפמערקזאַמע (ר) לעזער לערנט דערבײַ אויך דער אָנגענעמסטע אַרט די געאָגראַפישע לאַגע פון פיל לענדער אין אַפריקע, דעם פלוס־נילוס פון זײַן אורשפּרונג ווי ער פליסט פון דער בערג, די מדבר סאַהאַראַ, די סטעפּעס, די ווילדע חיות, קראָקאָדילן, פאָגל און די זיטן פון די גאַנץ אָדער האַלב ווילדע פעלקער, די נעגער און דעם שקלאַפן האַנדל.

„אַט אַזעלכע שריפטן זיינען אַם בעסטן געאייגנט דאָס פאָלק צו בילדן. און זיי צו פערמיאוסן דעם געשמאַק פאַר פּוסטע בבא מעשׂות פון שדים און לייצים און פאַר איבערגעטריבענע אויסגע־טראַכטע נסים פון גוטע ייִדן. שוין די שפּראַכע אַליין, זאָבאַלד זיי וועלן זיך געוויינען צו איר, וועט זיי אויפמערקזאַם מאַכן ווי פאַרנאַכלעסיגט דאָס לשון איז בײַ ייִדן און זיי וועלן פילן אַז דער ייִד קען אפילו קיין ייִדיש ניט ריידן, מכל שכּן שרײַבן. וויפל איבעריקע ווערטער. מילא. בכן, וואָסזשע, נישמער, כּלעבן, אפילו, ווי זאָגט מען עפּעס, ווי הייסט עס וכדומה, וואָס קומט פאַר בײַם ייִדן צווישן צוויי ווערטער כאָטש עס קומט גאָרנישט צום גע־שפּרעך: הײַנט וויפל איבעריקע איינצלנע זילבן; נאַ האַ, בע עעע, איי, אי, יאָ, ניין, און די גלײַכן פיל, דאָס קומט דערפון וואָס דער

מוח פליט, דאָס מויל מאָלט אָבער נאָך געביק און קען ניט אַזוי געשווינד אַרויסברענגען די געדאַנקען, נאָר ניט צו אונטערברעכן און אָפּרוען זיך צווישן יעדעס וואָרט, פּילט מען דערוויַיל אויס מיט ווערטער און זילבן וואָס קומען זיי אום איבערלייגט אין מויל אַריַין. אָס שטאַמט פון דער פערנאַכלעסיגטער ערציהונג, וויַיל דער ייִד לערנט קיין שום שפּראַכע ניט רעגלמעסיק, פון קינדוויַיז אויף הערט ער ריידן דעם מלמד און די כלי קודש אַליין, האַלב אונטער דער נאָז מיט פערגלייַזטע אויגן, ניט ריין ניט ריכטיק, ניט לאָגיש, ניט שפּראַכמעסיק, אַזוי וואַקסט ער אויס. זייער אָפט בעגעגנט מען ייִדישע אויטאָדידאַקטן (פּריוואַט־גע־לערטע) וואָס האָבן ניט די פעיִקייט עפּעס דייַטלעך צו ערקלערן.

— די וואָס מיינען אַז דער זשאַרגאָן אַליין איז שעדלעך און אַז מען וועט אים נאָר פערביטן, וועלן זיך ייִדן כאַפּן צו רוסיש, די זיַינען שטאַרק אין טעות, זיי זיינען ווי איינער זאָל וועלן אַ קימ־פּעט־קינד וואָס האָט נאָך געווים קיין צאָן אין מויל געוווינען עסן ביפשטעקס. ניין, גיט זיי פריִער פראָסט ייִדיש, נאָר אַ ריינע שפּראַכע, ניט קיין תחינה־ לשון, ניט איבערזעצונגען פון תהלים וואָס האָט אַ טעם ווי אַ קו קיַיט אַ לייַלעך, ניט אָפּגעשמאַקטע חסידישע נאַרישקייטן, לאָזן די ביכלעך זיַין אָנציענד און מיט געדאַנקען, מיט ניַיע וועלטלעכע פּראַקטישע אידעען דעמאָלט וועלן זיי קריגן געשמאַק, די אַלע אַלטע מורא מאַכנדיקע ספרים מיט די ניַיע פּליטיש חסידישע וועלן זיי נמאס ווערן, דאָס וועט אָנרעגן די וואָס האָבן נאָך ציַיט און פעיִקייט אַ שפּראַכע כאָטש פּראַקטיש צו ערלערנען, זיי זאָלן קודם כל קענען די לאַנדסשפּראַ־כע ריידן און לייענען, פון דער ערשטער קוועלע צו געניסן; אַנ־דערע עלטערע און ווייניקער פעיִקע וועלן ווייניקסטנס וויסן ווי נייטיק דאָס איז פאַר זייערע קינדער.

„די אידייע איז ניט ניַי, אַזוי האָבן געדענקט די ערשטע בער־לינער בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן אין פּאַריקן יאָרהונדערט ייִדן בילדן. בעזונדערס פערדינט ערוועהנט צו ווערן די מערקווירדיקע משלי איבערזעצונג פון דעם בערימטן ר׳ מענדיל לעפין. עס וואָלט

אַ יושר געווען זי איבערצודרוקן און אויף דער אָרט תנ"ך און געבעטביכער איבערצוזעצן. די מיסיאָנערן האָבן עס געטאָן, נאָר די איבערזעצונג איז ניט גוט. דערמיט וועט ניט די זשאַרגאָן ליטעראַטור פערגרעסערט און פערשטאַרקט ווערן, פאַרקערט עס וועט איין אונגעהייערע מאַסע אַלטע טויזנט מאָל איבער געדריקטע ספרים גאָר אוים דער מאָדע קומען, און די נײַע פון געוויסנהאַפטע זאַכקענער וועלן נאָך מער וועקן אין זיי דאָס בעדירפנים אַ לעבעדיקע שפּראַכע צו לערנען".

אָט אין דער נאָרוואָס ציטירטער רעצענזיע איז פאַראַן אַ באַמערקונג, וואָס ווערט בולטער אַרויסגעזאָגט אין אַנדערע דרײַ רעצענזיעס. די באַמערקונג איז: „אַלע שילדערונגען זיינען אַזוי לעבהאַפט, אַז די איבערנאַטירלעכסטע עראייגניסע ערשײַנען פאַר וואַרהייטן". אויך אין די פּאַראַגראַפן וועגן עטינגערן באַמערקן מיר עס, הגם ניט אַזוי דײַטלעך: „דערבײַ איז פאָרגעשטעלט אויסגעצייכנט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן". „אויסגעצייכנט פאָרשטעלן" האָט בײַ צעדערבוימען געמיינט — וואָרהאַפטיק פאָרשטעלן. זייער נאָענט צו די ווערטער „וואַרהייט" און וואָרהאַפטיק איז געווען בײַ צעדערבוימען דאָס וואָרט „נאַטירלעך". אַ ווערק דאַרף זײַן נאָך צעדערבוימען נאָך — וואָרהאַפטיק און נאַטירלעך.

אין זײַן אַרטיקל וועגן ישׂראל אַקסענפעלדן (דאָרט, נומער 26) כאַראַקטעריזירט ער אַקסענפעלדס שרײַבן אויף אַזאַ אויפן:

„אַלע זײַנע שילדערונגען זיינען פונעם לעבן געגריפן, מייסטנס אויף פאַקטן באַגרינדעט... אין זײַנע ביכלעך זעט מען אַ שפּיגל פון אַלע ייִדישע אָנגעלעגנהייטן, אַלע קאַראַקטערע און געהיימניסע". (אונטערגעשטראָכן פון מיר — נ. ב. מ.) ער גיט אויך אַיבער: „אַקסענפעלד האָט געשריבן אויסער טעאַטערע, אויך ראָמאַנען". וועגן די ראָמאַנען זאָגט ער: „זיי זיינען זייער אינטערעסאַנט". ער איז אָבער גלײַך מוסיף אַ זייער וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם פּרימיטיוודסטן רעאַליזם, וואָס מען קען ז... נאָר פאָרשטעלן, דהיינו: „די ראָמאַנען זיינען אינטערעסאַנט אי־

בערהויפט פאר די וואס ווייסן די ווארע געשיכטע, וועלכע האט אים דעם שטאף דערצו געגעבן".

אויך דא, ווו עס רעדט שוין דער רעאליסט, אמת, דער זייער נאַ־ זוער און פרימיטיווער רעאליסט, ווײַזט זיך דער זעלביקער מעטאָד ווי אין די פריִעדיקע גרעסערע ארטיקלען: ער רעדט ארום דעם שרײַבער אדער דעם אינהאלט פון ווערק, זאגט ארוים מבינות און רעדט וועגן דעם וואס איז „באלערנד" און „אנציענד":

„עס פערדינט בעזונדערס דערמאנט צו ווערן די שריפטן פון ר' ישראל אקסענפעלד ע"ה. עס זײַנען שוין זאגאר 3 טעאטערע פון אים ערשינען: „דער ערשטע רעקרוט", „דאס שטערנטיכל", „מאן און ווײַב, שוועסטער און ברידער", און זײַנען פון מבינים גוט אויפגענומען געוואָרן, בעזונדערס דאס צווייטע. נאר עס זײַנען נאך דא פיל וויכטיקע מאנוסקריפטן, אונטערן אנדערן „דער בער־ דיטשעווער יריד" וכדומה אויסגעצייכנטע טעאטער־שטיקע פונעם יודישן לעבן געגריפן. ר' ישראל אקסענפעלד איז געוועזן איין זייער ערפארענער מאן. אין דער יוגנט האט ער געלעבט אין פוילן צווישן חסידים און גוטע יודן; א טאטנס א קינד, וואס האט געקענט גוט לערנען, האט ער געוווסט אלעס, וואס עס גייט פאר אונטער דעם עולם. באלד נאך דער חתונה איז ער געוואָרן א סוחר, א פאדרא־ טשיק, עס איז דעמאלט געוועזן קריגס־צײַטן, איז ער אויסגעוועזן אין פיל שטעט אין פוילן און אין דײַטשלאנד, איז געקומען אין בערירונג מיט פארשידענע מענטשן יודן און קריסטן, מיט אויפ־ געקלערטע און אלע אנדערע קלאסן. דאס האט אים שטאף געגעבן צו דענקען און אזוי ווי ער האט געהאט א גרויס טאלענט אלעס אויפצופאסן און צו קאמבינירן, דערבײַ א גוטן זכרון און א שיינע שפראכע, ער האט אויך פיל געלעזן אין דער העברעישן און דײַ־ טשן ליטעראטור, האט ער זיך אויסגעבילדעט אלס עכטער פאלקס־ דיכטער. שפעטער האט ער זיך באזעצט אין אדעסא, איז געוועזן נאטארוס, טראנסלאטער און האט געפירט זייער א שיין הויז. ער און זיינע גייסטרייכע פרוי האבן צוגעצויגן צו זיך די איידלסטע

געבילדעסטע מענטשן און אַזוי ווי ער האָט געפירט הייסט עס אַ רוזק לעבן, האָט ער זײַן מייסטע צײַט אויסגעפילט מיט שרײַבן און דיכטן. ער האָט אויך העברעיִש געשריבן, נאָר באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אינעם יידישן. אַלע זיינע שילדערונגען זיינען פונעם לעבן געגריפן, מייסטנס אויף פאַקטן בעגרינדעט, נאָר פּלאַנמעסיג, סיסטעמאַטיש דראַמאַטיזירט. זיינע שילדערונגען זיינען לעבהאַפט, טריי, אַנציענד, מיט עכטע יידישע אויסדריקע, יידישן וויץ און יידישע ווערטלעך. אין זיינע ביכלעך זעט מען אַ שפּיגל פון אַלע יידישע אַנגעלעגנהייטן, אַלע כאַראַקטערע און געהיימניסע. ער האָט אויסער טעאַטערע אויך ראָמאַנען געשריבן, מאַנכע זייער גרויסע, וואָס זיינען זייער אינטערעסאַנט, איבער־הויפּט פאַר די וואָס וויסן די אמתע געשיכטע, וועלכע האָט אים דעם שטאָף דערצו געגעבן. עס וואָלט אַ יושר געווען די מאַנוס־קריפּטן זאָלן געדרוקט ווערן, ווייניקסטנס דערווײַל די בעסערע אונטער די קלענערע, זיי וואָלטן געווען וואָהרע פאָלקסשריפטן און העטן פיל געווירקט. מעגלעך מען וואָלט זיי גדראַפּט איבער־זען פאַר דעם דרוקן, פיליכט איז נויטיק נאָך די יעצטיקע אומ־שטענדן מאַנכעס צו ענדערן, באַזונדערס די אויטאָגראַפיע, ווײַל ה' אקסענפעלד האָט זיך געמאַכט אַן אייגענע שרייבאַרט, נאָר אַזוי ווי היינט האָט מען אָנגענומען כמעט אַלגעמיין איינע אַנ־דערע, קען דאָס ערשווערן די לעזער. דאָס איז אָבער קלייניקייטן. דער עיקר איז — די שריפטן זאָלן ערשיינען, מיר זיינען איבער־צייגט דאָס פאָלק וועט זיי כאַפּן און זיי וועלן דערפון אויפגעקלערט ווערן איבער אַלע זייערע פערהעלטניסע".

צעדערבוימס פאָדערן „נאַטירלעכקייט" איז צום קלאָרסטן אויסגע־דריקט אין דער קריטיק איבער מענדעלעס „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט בעלי־טובות" (דאָרט, נומ' 24). דאָ האָבן מיר אויך: דעם איני־האַלט פון ווערק בקיצור התמצית, דעם מחברס כוונה, וועגן רעאַליזם („נאַטירלעכקייט"), וועגן דער „נוצלעכקייט" פון אַזאַ ווערק, און, מיט וואָס דאָס ווערק איז „אַנציענד". דאָ איז דער רעאַליזם צעדערבוימס זייער

א „רירנדיקער”, ממש א „פּאַטעטישער”. „די גאַנצע פאַרשטעלונג אין דעם ביכל זעט צעדערבוימען אויס צו זײַן „זייער נאַטירלעך”, „נאָר די פאַרשווינען האָבן מיר נישט געקענט ענטציפערן, ווײַל מיר קענען דאָרט ווייניק מענטשן”. (אונטערגעשטראָכן פון מיר — נ. ב. מ.). און דעם גרעסטן טייל אַרטיקל גיט צעדערבוים אָפּ צו דערווײַזן, ווי איין זאַך איז „אין דער פאָרשטעלונג” „ניט נאַטירלעך”. „ניט נאַטירלעך” איז אין צעדערבוימס אויגן דאָס, וואָס די פּאַרנעמסטע אין שטאָט שליסן בלאַט מיט אַן אויפגעקלערטן גביר „און אַלע אינאיינעם זאָלן זיך פאַרטרויען פון יונגאַטשעס, שטאָט עזות־פּנימער, און צוזאַמען מאַכן כּאַפּטעם און זיך טיילן מיט דער גזילה”. דאָס וואָס אַן אויפגעקלערטער גביר זאָל זײַן פאַרמישט מיט דער גאַנצער שטאָט „בעלי־טובות” — „דאָס איז ניט נאַטירלעך”. און צעדערבוים מיינט: אָט אין דעם ליגט דעם ווערקס חסרון. דאָ, האַלט ער, האָט דער מחבר איבערגעטריבן — „חושד זײַן, אַז אַלע לײַטישע גבירים פון פאַרשיידענע ריכטונגען זאָלן זײַן איין כנופיא, אַלע אינייִנעם באַראַבעווען און באַגנבענען די שטאָט, די טאַקסע און אַלע חברה־געלטער”, „דאָס — שרײַבט צעדערבוים — איז אין אונדזערע אויגן איבערטריבן”.

אָט־די קריטיק קען דינען ווי א מוסטער פון צעדערבוימס אַלע קריטישע אַרטיקלען — ווי אַזוי ער שרײַבט זיי און וואָס עס זײַנען זײַנע פאָדערונגען.

„די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט בעלי־טובות, געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים, זשיטאָמיר 1869, בדפוס א. ש. שאַדאָוו.

„דאָס ביכל איז געווידמעט זיינער עקסעלענץ ה' ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש נאָוואָסעלסקי אָדעסער גאָראָדסקאָי גאָלאָוואַ. איטלעכער ווייסט ווער דער מחבר איז, דאָך האָט ער ניט אַרויסגעשטעלט זײַן נאָמען, מיר פאַרשטייען אפילו ניט פאַרוואָס: צו שעמען האָט ער זיך ניט, וואָס ער אַלס באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער גיט זיך אָפּ מיט זשאַרגאָן, ובפרט אַז דאָס ביכל

איז געשריבן צו א צוועק, דאָס פאָלק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זייערע פאַרזאָרגערס. אין וואָס פאַר א לשון קען ער דען בעסער גלייך מיטן פאָלק ריידן? קיין איבערגעשראָקן מענטש איז ער אויך נישט, ער זאָל מורא האָבן, איבערהויפּט, אַז די וועלט ווייסט ווער עס האָט דאָס ביכל געשריבן. נאָר אַז ער מאַכט דערפון א סוד, טאָרן מיר נישט זיין נאָמען אַרויסגעבן. איבעריקנס דאַרויף קומט עס נישט אָן, נישט דער מחבר נאָר דאָס ווערק איז דער פאַקט.

„דאָס ביכל איז א מעשה געשילדערט, וואָס עס גייט פאָר אין יידישער שטאָט איבער דער טאַקסע, וואָס ווערט געהאַלטן לטובת הכלל, איינגעטיילט אין סצענען, ווי די שטאָט טוער יעדן צווישן זיך און גיבן עצות ווי אַזוי די שטאָט צו ציפּן, צו באַרייסן און אַלע מיסברויכע צו פאַרדעקן, קוים הויבט עמיצער אויף א קול נעמט מען אים אין דער חברה אריין, גיט אים א חלק, איז ער אָבער איין עקשן און וויל זיך נים פאַרקויפן מאַכט מען מיט אים אַן עק, מען זעצט אים איין, מען פאַרשיקט אים ווי א שעדלעכן מענטש, און דאָס פאָלק לאָזט זיך אַזוי אַרומפירן ביי דער נאָז, אַז לאַדי מען זויגט אויס דאָס דם התמצית, זיינען זיי נאָך פאַר־בלענדעט אָן זייערע בעלי־טובות און העלפן זיי זייערע פּלענער אויסצופירן, טרעטן צו מיט די פּיס דעם וואָס שטעלט זיך פאַר זיי אַרויס.

„די גאַנצע פאָרשטעלונג אין דעם ביכל אין אַלגעמיין איז זייער נאַטירלעך, דאָס באַגעגנט מען — מען קען זאָגן מיט ווייניק אויסנאַמען — כמעט אין אַלע יידישע שטעט אין אונדזער פאָטער־לאַנד. פילע כאַראַקטערע דאַרט זייער גוט געשילדערט, מאַכנע זייער רירנד. מען זעט דער מחבר האָט געשריבן מיט געפיל, זאָגאַר פון אַזאַ מעשה, ווי דאַרט קומט פאָר מיט איציק זאַהיקע האָבן מיר פון פיל גלויבווירדיקע מענטשן געהערט אויף אונדזער דורכ־רייזע צוריקוועגס דורך קיעוו און עס שיינט, אַז דער מחבר האָט טאַקע דאַרויף געצילט.

„דער לייענער שטויסט זיך פון דער שילדערונג, וואָס פאַר

אַ שטאָט דער מחבר רופט אָן גלופּסק און טונעיאַדעווקע, נאָר די פּאַרשווינען האָבן מיר ניט געקענט ענטציפערן, ווײַל מיר קענען דאָרט ווייניק מענטשן. מען זעט, אַז ער האָט זאַדערגעט די פּראי (פּני) הקהילה, פּרומע חסידים, הײַנטוועלטיקע. ווי געזאָגט, אין אַלגעמיין, איז אין דעם ביכל מיט נאַטירלעכע פאַרבן אָפּגעמאָלט דאָס ייִדישע געמיינדלעבן, און עס איז זייער נוצלעך, וואָרעם יעדע געמיינדע קען אין דעם שפּיגל דערקענען אירע פּאַרזאָרגער.

„איין זאַך גייט אונדז גאָר נישט אין קאָפּ אַרײַן. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין יעדער שטאָט באַזונדערס אין אַלט מאָדישע געפינען זיך עסקנים בצרכי ציבור, שיינע ייִדן, בוררים און בײַ זיי לייגט מען אײַן שלישיתין, וואָס מאַכן שטאַרקן מיסברויך אונטער דער מאַסקע. נאָר אַ גאַנצע באַנדע, ווי דער מחבר רופט זיי אָן, פון אַזעלכע גראַביטעליעס די פּאַרנעמסטע אין שטאָט די וואָכ שפּילן די פּרומע חסידישע און פּני־בריהשע ראָלע, זאָלן קענען בלאָט שליסן מיט אָן אויפגעקלערטן גביר, וואָס דער מחבר אַליין הייבט אַרויס זײַנע מעלות, און אַלע אינאיינעם זאָלן זיך פאַר־טרויען פאַר יונגאַטשעס, שטאָט עזות־פּנימער, און צוזאַמען מאַכן באָפּטעם און זיך טיילן מיט דער גזילה — ד אָ ס א י ז נ י ט נ אַ ט י ר ל ע ך.

„אומפּאַרטייִיש אורטיילן מיר איבער דער מעשה אויף דעם אַרט: די איינצלנע פּאַקטן ווי אַזוי עס פירט זיך אין שטאָט אָן אָרדענונג, אָן חשבון, איז גאַנץ ריכטיק. דאָס ליגט אין כאַראַקטער. די אומאָרדענונגען און דאָס פּליטן מיט די רעכענונגען, באַזונדערס. אָבער די באַדערפעניסע דער געמיינדן, וואָס קענען ניט פּאָ זאַ־קאָנו אַרויסגעשטעלט ווערן, מען מוז זיי געבן אַן אַנדערן נאָמען (מיר ווייסן למשל פון אַנדערע שטעט, דאָס געזעץ ערלויבט ניט דעם רב צו צאָלן געהאַלט פון דער טאַקסע, שטעלט מען אים פּאָר נאַבלוראַטעל (אויפזעער) אויף כשר פלייש וכדומה), די פירן אַרויף די קורצזיכטיקע פּאָרשטייער צו זוכן ניט געזעצלעכע נאַ־לאָגים. אַזוי ווי מען האָט אָבער מורא פאַר אַ רעוויזאָר, מוז מען אָנגרייטן היפּשע שטיקלעך צו פּאַרשמירן די אויגן, דערבײַ איז

אַזוי — די גרויסע האָבן קיין צײַט נישט זיך מיט שטאָט זאַכן
אָפּצוגעבן — דעם כבוד ווילן זיי, די מי גיט, וואָס דען זיי פאַר־
לאָזן זיך אויף אַנדערע. אונטער זיי מעגן זײַן אַזעלכע, וואָס האָבן
זיך דאָס גענומען פאַר אַ פּרנסה. די גרעסטע מיסברויכע געשעען
בײַ געגנשטענדע, וואָס מען קען ניט קאָנטראָלירן. למשל בײַ רע־
קרוטן אָפּגעבן, פון בכבודע בעלי־בתים וועט קיינער ניט וועלן
אויף זיך נעמען כאַפּן קינדער בײַ עלטערן, אָדער גיין זוכן לויזע
גוליאַשטשי יונגע, וואָס ווילן זיך פאַרקויפן, מיט זיי האַנדלען,
טרינקען מאַגאָריטש און די הוצאות פון די סדיעליקים און שפּעזן
ביז מען גיט זיי אָפּ. מוז מען דאָס אָנפאַרטרויען אַזעלכע מענטשן,
וואָס ווילן זיך דערמיט אָפּגעבן מעג מען זיי יאָ געבן אָדער נישט
געהאַלט, איז אוממעגלעך צו באַוואָרענען זיי זאָלן ניט מרויח
זײַן אין דעם שווערן אומאָנגענעמען געשעפט, וואָס איז מיט פאַר־
אַנטוואָרטלעכקייטן פאַרבונדן. אַזעלכע עסקים זיינען דאָ פיל אין
יעדער אָבשטשעסטוואָ. וואָס זאָלן באמת די ערלעכע טאָן צו פאָר־
היטן? דערווײַל, אַז עס געשען שוין אַזעלכע פאַרדרייעניש אין
דער געמיינדע ווירטשאַפט, אוודאי באַדינט זיך ווער עס וויל מיט
דער געלעגנהייט, אין דער איבערצײַגונג מען וועט ניט דערגיין,
אויך קען פון אים קיינער ניט פאַרלאַנגען קיין חשבון, ווײַל קיין
תקיפות איז ניטאָ, אַז ניט וועט מען די גאַנצע שטאָט קוילענען
און קיין חשבון קען מען טאַקע קיין מאָל ניט אַרויסווײַזן, שווער,
שווער דערגלײַכן מיסברויכע אויסצוראָטן ווי לאַנג יידן וועלן
לעבן אונטער די איצטיקע קאָנדיציעס. מען דאַרף אַ רעפאָרם,
נאָר פון וועמען זאָל ער אַרויסגיין? יעדע געמיינדע האָט 100
דעות. דער רעגירונג האָט מען אָבער ניט פאָרגעשלאָגן ראַדיקאַ־
לע מיטל, די אַלע צרות צו אויסקאָראָנעיען. איין עצה איז דאָ,
מען זאָל די פלייש טאַקסע אָפּשאַפן נאָר אַזוי לאַנג יידן וועלן
דאַרפן אַליין טראָגן אַלע זייערע לאַסטן און די אַלגעמיינע שטאָ־
טישע קאַסע וועט זיי ניט מיטשטײַערן, אַזוי לאַנג יידן וועלן
דאַרפן אַזאַ גרויסן בודזשעט, אַזוי לאַנג יידן וועלן פון דער גע־
מיינדע־קאַסע צאָלן פּאָווינאָסטין פון יחידים און מען וועט קענען

מענטשן דריקן געלד פאר פאספארטן — ביז דעמאלט וועלן די אלע ליידן און מחלוקת ניט אויפהערן. יא מען מוז גאנץ גוט אי־בערלייגן פון וואנען דאס נויטיקסטע צו ציען, עס זאל ניט שווער זיין אויפן פאלק און מען זאל אויף דעם נייעם שטייגער ניט נייע פאראורטיילע געפינען אראפצושטעקן אין קעשענע אריין אדער בעזפאראדקיס, וואס קאסטן טאפל און מען מוז זיי גאר פארדעקן מיט נייע הוצאות. חוץ דעם זאל מען באווארענען, אז כשר פלייש זאל ניט טייערער קאסטן, אז די העקער וועלן זיך מאכן איין האנט.

„דאס אלעס איז זייער רעכט און מיר גלויבן, אז דער פאר־פאסער דענקט אויך אזוי. נאר הושד זיין אז אלע לייטישע גבירים פון פארשיידענע ריכטונגען זאלן זיין איין כנופיא, אלע אין איינעם באראבעווען און באגנבענען די שטאט, די טאקסע און אלע חברה־געלדער, דאס איז אין אונזערע אויגן איבערטריבן.

„איבער דער פארם פון דעם ווערק האבן מיר נישט צו רעדן, אזוי ווי דער פארפאסער האט דא ניט באאבזעכטיקט קיין ראמאנ־טישע פארשטעלונג צו געבן, נאר א ווירקלעכע מעשה אויסגע־פוצט און ארייננגעלייגט ווערטער אין מויל די וואס קומען דא פאר, און די האבן געווים ניט געלערנט די טעאריע פון ראמאנ־טישע פארמען.

„די שפראכע איז כמעט דורכגענגיג זייער פלאוונע, עכט יידיש מיט שיינע ווענדונגען און בילדער, אויף זייער לעבעדיקע פראקטישע אידעען.

„עס איז קיין צווייפל, אז דאס ביכל פארדינט געלעזן צו ווערן פון אלע קלאסן, עס קלערט אויף פיל עסקים אין יידישן געמיינדע לעבן און וועט געווים פיל ווירקן, אז עס וועט פאפולער־ווערן אונטער דעם פאלק. דער פרייז איז דאכט זיך זייער ביליג, וואס מאכט מעגלעך עס זאל שטארק פארשפרייט ווערן. מען קען דאס קריגן ביי ה׳ פרוסיאן״.

צעדערבוימס מיינונגען, ארויסגעזאגט אין דער קריטיק איבער מענדעלעס „טאקסע״, זיינען געווען גילטיק פאר אים אויך מיט צוועלף

יאָר שפּעטער. אין 5טן נומער „יודישעס פאָלקסבלאַט" 1881, אַז פּאַ־
ראַן אַ באַריכט וועגן אַ „מיטיק לכבוד דעם דיכטער ה' לעאָן גאָרדאָן"
(געמיינט יהודה לייב גאָרדאָן) צום 25טן יאָר זינט ס'איז אַרויס זײַן
ערשטער שיר „אהבת דוד ומיכל". דעם דאָזיקן באַריכט האָט, קאָנטיק,
צעדערבוים געשריבן. רעדט דאָרטן צעדערבוים וועגן גאָרדאָנס „נײַעם
שטייגער". „דער נײַער שטייגער" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס גאָר־
דאָן „איז ניט ווי פרעמדע דיכטער געפלויגן אין הימל און פאַנטאַזירט
איבער אַלטע צײַטן, קאָמפּלעמענטע געמאַכט יידן און קינות — אויף
חורבן און גלות; ער האָט אָנגעהויבן שילדערן דאָס יידישע לעבן איצט,
אַרויסגעשטעלט מאַנכע פעלער בולט". צעדערבוימען געפעלט זייער,
וואָס גאָרדאָן טוט עס „מיט אַ זיסער קינצלערישער שפּראַכע, דערצו זייער
וויציק, טייל מאָל, ווו עס איז נייטיק געוועזן — מיט שטעכווערטלעך,
אַז יעדעס וואָרט איז אַרײַנגעקראָכן אין דער לעבער אַרײַן".

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז בײַ צעדערבוימען דאָס, וואָס „מיט
זײַן מײַסטערהאַפטער פעדער איז ער אימשטאַנד אָפּצומאָלן אַ בילד, אַז
מען זעט פאַר זיך לעבעדיק אַלע פאַרשוינען: מען מיינט, אַז די מעשה
גייט פאָר פאַר אונדזערע אויגן, און מען וויינט, אַז ער שילדערט עפּעס
טרויעריג און מען שפּרינגט־אויף פאַר לאַכן, אַז ער שטעלט פאָר סצע־
נען און לעכערלעכע מעשהלעך".

פּיאָנערן, גלײַכצײַטיק אין אַ סך געביטן, זיינען בלי שום ספק גרוי־
סע אויפטוער. באַזונדערס — דינאַמישע נאַטורן פון צעדערבוימס שניט.
צעדערבוים איז געווען ניט נאָך אַן אויפטוער אין פאַרשיידענע ליטע־
ראַרישע און קולטור־געביטן, נאָר אויך איינער פון די אומדערמיד־
לעכסטע עוסקים בצרכי ציבור. דאָך — מיט דער גרעסטער אָנערקע־
נונג פאַר זײַנע אויפטוונגען — מוז מען פאַרצייכענען, אַז צו אונדזע־
עלטער־זיידן אין דער קריטיק געהערן אָט די קינדערישע, כמעט אומ־
פאַרשטענדלעכע שורות:

„איבער דער פאָרם פון דעם ווערק (מענדעלעס „טאַקסע" —
נ. ב. מ.) האָבן מיר נישט צו רעדן. אַזוי ווי דער פּראָפעסער
האָט דאָ ניט באַאַבזיכטעט קיין ראָמאַנטישע פאָרשטעלונג צו
געבן נאָר אַ ווירקלעכע מעשה אויסגעפּוצט, און אַרײַנגעלייגט

ווערטער אין מויל די וואָס קומען דאָ פאָר, און די האָבן געווים ניט געלערנט די טעאָריע פון ראָמאַנטישע פאָרמען".

וואָס צעדערבוים האָט דאָ פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט „פאָרם" איז ניט גאָר קלאָר. עס קומט אויס — „פאָרם" האָט צו טאָן מיט „ראָמאַנטישע פאָרמען", מיט „געפליגלטע פליטערלעך", מיט געצאַצקעטע איידלקייטן...

דערוואָרטן אָבער פון צעדערבוימען אַ באַשטימטן קריטישן מעטאָד וואָלט געמיינט — דערוואַרטן אַן אוממעגלעכע זאַך. ניט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור איז עס אַזוי. ניט אַלע קריטיקער־פּיאָנערן קומען מיט אַ באַשטימטן קריטישן מעטאָד. סײַ צעדערבוים און ישראל לעווי, סײַ די שריפטשטעלערס יעקב דינעזאָן, מ. ספּעקטאָר, שלום־עליכם, פּרץ א. א., האָבן ניט געטראַכט וועגן אַ קריטיק־פילאָזאָפיע, וועגן טעאָרעטישע יסודות. ריכטיק האָט באַמערקט ש. ניגער (אין זײַן עסיי וועגן בעל־מחשבות): די ערשטע קריטיקער זיינען געווען בלויז „מבינות־זאָגער". די, ווידער, וואָס האָבן אַליין געשריבן בעלעטריסטיק — זיי האָבן גענומען פאַר אַ מאָס זייער אייגן שרײַבן.

אַ מעטאָד אין דער יידישער קריטיק טרעפן מיר אַ יאָר נאָך צעדערבוימס נעקראָלאָג וועגן אַקסענפעלדן, און אַ יאָר פאַר צעדערבוימס ערשטע „ביבליאָגראַפישע נאָטיצן". דאָס איז י. י. לערנערס „אַנאַליז" איבער ישראל אַקסענפעלדס ווערק. דער מעטאָד בײַ לערנערן איז אַן אוטיליטאַרישער, אָבער אין דערזעלביקער צײַט אויך אַן עסטעטישער.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין דעם ערשטן בוך פון שלום־עליכמס יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, אין יאָר 1888, זעען מיר ווידער אַ מעטאָד אין ראַווניצקיס שאַרפן אַרויסטריט קעגן דער „מבינות־זאָגעריי" פון די פריערדיקע קריטיקער. ראַווניצקיס טעאָריע איז געווען, אַז קריטיק האָט להלוטין גאָרניט צו טאָן מיט צופעליקער סתם־מבינות. זײַן באַגריף איז געווען, אַז קריטיק באַשטייט פון באַאָבאַכטונג און אַנאַליז. דערמיט האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם רעיון, אַז אַ ווערק מוז מען טיכטיק און דורכדרינגלעך דורכנעמען,

שפּעטער ערשט פאַנאַנדערגלידערן און „באַווײַזן פּאַרוואָס און פאַרוואָ'ן קומט דער קריטיקער צו די־און־די מסקנות".

נאָך מער באַוווסטזיניק איז געווען בעל־מחשבות מיט זײַן מיליע־מעטאָד, וואָס ער האָט זיך געמיט איבערצופורעמען אין אַ נאַציאָנאַלער קריטיק, וואָרעם פאָלק, נאַציע איז מיליע, איז טיפערע מיליע.

בײַ ש. ניגערן — אין זײַן א י מ אַ נ ע נ ט ע קריטיק — ווערט שוין די פּראָבלעם מעטאָד פּלוראַליסטיש, פאַרפּילפּאַלט, און די באַציִונג צו יעדן מעטאָד איז אַ רעלאַטיווע.

צעדערבוימס זכיה באַשטייט אָבער אין זײַן דער ראשון הראשו־נים. אים איז אויסגעקומען צו זײַן דער ערשטער אײַנצוזען, ווי וויכטיק עס איז קריטיק. ער האָט זיך געמיט מודיע זײַן דעם לייענער, וואָס יאָ און וואָס ניט צו לייענען. און מיט זײַנע ערשטע נאָטיצן, רעצענזיעס און קריטיקן האָט ער פאַרזייט די ערשטע קערנער.

ער האָט די שפּעטערדיקע קריטיקער ניט באַווירקט מיט קיין שום באַשטימטן מעטאָד. ער האָט עס דאָך אַליין ניט פאַרמאָגט. אָבער ער האָט זיכער געהאָלפן אויסצופורעמען אַ נײַעם געדאַנק: שרײַבן קרי־טיק איז אַ וויכטיקע און נוצלעכע עובדא. אַזוינאָך האָט ער געשאַפן דאָס באַוווסטזײַן פאַר קריטיק. אין אַ העכערער פאָרם איז עס ניט קיין אַנדער זאַך ווי דאָס קריטישע באַוווסטזײַן.